STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 07232

NAYE VELTEN

B. Daymondshteyn

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

נייע וועלטען

פֿיער איין אַקטערס.

פֿון

ב. דיימאָנדשטיין

Copyrighted
by
B. DIMONDSTEIN
May, 1919

N.Y.P.L

מוטער און קינדער

פערזאנען:

באשע: מוטער.

באנעט: איהר זוהן.

שומער: זיין פריינד.

סאפע: איהר טאכטער.

צייט און האנדלונג, 1908 ניו יארק.

(די ביהנע שטעלט פאר אן איינפאכעס ארבייטער צימער אבער ריין זויבער אלעס אין ארדנונג, בילדער אויף די ווענט ווי טאלסטאי, קארל מארקס נאך איניגע. ביכער אין א בוק שראנק איניגע ביכער אויפ׳ן טיש, ס׳איז ווינטער אן אויוועז ביים וואנט. באשע שיט קוילען, טרוי־סעלט, מאכט די אויוועז. זי זיפצט, איהר פנים איז מאגער פון זארג און פון דעגא, זי געהט אנגעטאן אין שווארצע קליידער אבער ריין. ווען זי ענדיגט די אויוועז באדעקט זי דעם טיש שטעלט ארויף טעלער, לעפעל, ברויט. בלייבט שטעהן דיינקט פון עפעס).

ב א ש ע : באלד, מיינע ארימע קינדערלעך וועט איהר קיין מאמע אויך ניט האבען. ניט האבען ווער עס זאל אויף אייך אכטונג געבען. (זיפצט און ענדיגט דעם טיש גרייטען. זעצט זיך נעבען טיש אויפ׳ן שטול, לעגט זיך און טראכט ווידער). נו וואס וועט מיר העלפען מיין טראכטען? דער טראכטען ברייגנט מיר נאר שמער־צען, ליידען, פארצווייפלונג. (קליינע פאזע). א ביטערער קאמפף דער לעבען. די וועלט איז אזוי שעהן אזוי רייך, פול מיט אוצרות, פול מיט גליק, אבער איינער נעמט דאס אלעס צו, און הונדערטער שמאכטען. לעכצען נאך אביסעל גליק. אך ווי שווער צו לעבען. לעבען אין ארמוטה און נויט, עלענד, פרעמד און פארשעהמט פאר זיך זעלבסט. (א קלאפ אין טיר) קאמאין. (שומער ערשיינט).

ש ו מ ע ר : גוד איווניגג מיסעס זייצעוו. (פארכאפט זיך) כ׳פארגעס אימער מיסעס ליכטשטיין.

ב א ש ע : גוט נאוועגט, גוט נאוועגט.

ש ו מ ע ר : איהר ווילט נאך אלץ בלייבען א גרינע, נאך ניט צייט אז איהר זאלט אנפאנגען צוגעוואוינען זיך צום געדאנק אז איהר זייט אין אמעריקא?

ב א ש ע (מיט א וויינענדען טאָן): ניין איך קען ניט! איך וויל ניט! איך וויל ניט זיך צוגעוואוינען אז איך בין אין אמעריקא שוין מעהר ווי א יאהר, אז איך קעמפף מיט זיך מיט מיר אליין. נו זאגט אליין, וואס האב איך דא? דאס לעבען איז שווער, די קינדער ווענינ פארדינען ס'איז ווענינ פאר זיי אליין, בין איך נאך א לאסט אויף זיי און מוז אנהאלטען רומס צוליעב מיר און איך אליין בענק אהיים דארט וואו דער קבר פון מיין מאן, פון מיינע עלטערען וואס בין איך דא. ווער קען מיך דא? ווער קען דא באשע ליעבטשטיין פון ווילנע, די רייכע ליעבטשטיין וואס איז ארים גע־ווארען אין איין נאכט... אך וואס פון אונז איז געווארען דער שטאר־קער מאן האט דאס ניט געקענט אויסהאלטען די שאנדע און...

ש ו מ ע ר: צוליעב וואס אויפריען דאס פערהיילטע, דאס פארגעסענע?

ב א ש ע: קיין מאָל וועט מיין וואונד ניט פארהיילט ווערען. קיין מאָל וועט מיין אונגליק ניט פארגעסען ווערען.

ש ו מ ע ר: איז עס ווירקליך אז איהר ווילט פארען אהיים און פארלאזען אייערע קינדער דא אליין? דאס האט מיר סאפא געזאגט, דערצעהלט נעכטען.

ב א ש ע: שווער זייער שווער, איך בין ווי א הון וואס האט אויסגעבריהט ענטעלער, איך שטעהביים ברעג טייך און די ענטעלער שווימען אוועק פון מיר און איך די הון ווארף מיט די פלינעל, וויל זיין נעבען מיינע ענטעלער. אבער די ענטעלער קענען נים און פיהלען ניט די יסורים וועז זיי פערשווימען פון דער הון. זיי צים צום וואסער און די הון פיהלט נאר דעם וועהטאג. זי האט זיי אויסגעבריהט, איך האב זיי געבארען. איך בין די הון און זיי זיינען די ענטעלער... און שווימען פון מיר אוועק און איך שטעה ביים ברעג און שריי און רוף...

ש ו מ ע ר: איך זעה ניט איין ווארום איהר זאלט זיך פיהלען שלעכט נעבען אייערע קינדער. זיי רעספעקטירען אייך, שעהמען זיך מיט אייך ניט, איהר פארשאפט זיי פילע שמערצען מיט אייער אויפפיהרען זיך און דאך זיינען זיי מיט אייך זייער צופרידען.

ב א ש ע : מיינט דען די ענטעלע שלעכטס טאן דער הון וועו זי שווימט אוועק פון דער הון? דאס ניט! איהר ציהט צום וואַ־סער...

ש ו מ ע ר : מיסעס ליעבטשטיין, איהר רעדט אזוי פאר־שטעלט, אז איך פארשטעה אייך ניט.

ב א ש ע : מיר באלאנגען צו אנדערע וועלטען, איך בין געבאָרען און ערצויגען געווארען אונטער אן אנדער אטמאָספערע. איך האב גענאָסען אביסעל בילדונג אבער דאן איז געווען אן אנ־דער צייט, און יעצט איז גאר, גאר אן אנדער וועלט...

ש ו מ ע ר : קענט איהר זיך ניט פיהרען ווי איהר ווילט? זיי שטערען אייך ניט. זיי מיידען אוים צו טאָן דאס וואס קען אייך שמערצען פארשאפען.

ב א ש ע : אמת, זיי זיינען טאקע גוטע קינדער, ניטא מיט זיי זיך וואס צו שעמען, געגען אנדערע. אבער, דאס האט דאך ניט צו טאן מיט'ן צווייטען. איך ליעב זיי ווי מיין לעבען. איך האב זיי געטראגען, אליין זיי געזויגען, ניט געלאזען קיין אם זאל זיי זויגען. מיט צערטליכע מוטער ליעבע זיי ערצויגען.

ש ו מ ע ר : טאַ זאגט מיר וואס אייך פלאגט? איך וויים אייך, פלאגט וואס? עפעס שווערעס דריקט אייער גוטע הארץ.

ב א ש ע : זאגט אליין, דארט ביי אונז אין ווילנע? זיי זיינען גאנץ פריי געווען. איך פלעג זיי ניט שטערען, מיין מאן, אלה והשלום האט זיי אויך ניט געשטערט. פריי זיי ערצויגען. זיי פלעגען ברייגנען גאנצע קאמפאניעס בחורים און מיידלעך, זיי פלע־גען פארברייגגען, אבער עס בייגקט מיך. די רוה, די געטליכע רוה... די שעהנקייט פון דעם שבת צו נאכט. פון פרייטאג ביים טיש, די אראבגעווארפנענע וואכעדיגקייט האט איהר א בעגריף! די חלה האָט געשמעקט, די פיש האט געשמעקט, דער קדוש... (ווישט די אויגען אין נאָז טיכעל).

ש ו מ ע ר : ווער דארף דאס אלעס. די רעליגיעזע צערע־מאניעס?

ב א ש ע : א, דאס איז דער אונטערשייד פון א הון מיט ענטעלער. די שעהנקייט... איך בייגק נאך די שעהנקייט פון דעם

אראפגעוואַרפענעם וואַכעדיקעו לעבעו... אַט זעהט היינט שבת ביי־נאַכט, זיי ארבייטען נאָך שבת... אין דערהיים יעצט ווי פריהעלעד ס'איז געווען, ווי ליכטיג...

ש ו מ ע ר (שפּאַנט איבער'ן צימער. איהם דריקט די בענקשאַפט נאָך דעם שבת). יע ס'איז ווירקליך שעהן דער שבת. יעס. איך מוז דאָס אייך צוגעבען אבער — (סאפא ערשיינט).

ס א פ א : גוד איווניגג (לאַכט). איך האָב געהערט אייער געשפּרעך כא, כא. און אייך מיסטער שומער האָט זיך אויך פארבענקט נאָכ'ן שבת. כא, כא, כא.

ש ו מ ע ר : ניטאָ פון דעם צו לאַכען, פּארקערט. נאָר א ריינער עסטעטישער געפיהל, אויב איהר ווילט וויסען איז אייער מוטער כאָטש א האַלב פאַנאַטישע אבער אן עסטעטישע מיט עס־טעטישע געפיהלען.

ס א פ א : ווייסט איהר אַז מיין מוטער איז א געבילדעטע פרוי. זי קען מעהר שפּראַכען פון אונזביידען. יע, יע, איך מיין עס ערענסט ווי איהר קוקט זי אַן.

ש ו מ ע ר : איך זאָג אַליין זי איז א אינטעליגענטע פרוי.

ס א פ ע : מאַמאַ. ווייסט אַז איך האָב געקראָגען א רייז 5 דאָלער, האָב איך היינט געקראָגען פיידע נאָ (דערלאַנגט א פינף דאָלער־ביל).

ב א ש ע : נו מיין נחת פינף דאָלער. אבער וואָרום ביזטו היינט שפּעטער געקומען ווי געוועהנליך מיין טאָכטער?...

ס א פ ע : וועל, וועל... דער באָס האָט מיר געמאַכט דעם סורפּרייז, האָט ער מיר געלאָזען וואַרטען ביז צולעצט דערנאָך האָט ער מיר צוגערופען און געזאָגט: קריגסט א רייז דערפאַר ווייל ביזט די לעצטע.

ש ו מ ע ר : דאָס נאָר?... מעהר האָט ער אייך ניט גע־זאָגט גאָרניט?...

ס א פ ע (ווערט רויט שטאַמעלט האַלב הערשראָקען): וואָס וואָ—ס פעלט אייך איין?... וו—א—ס?...

ב א ש ע : ביזט געווים הונגעריג טעכטעריל, זעץ זיך און עס סאַפּער... (קוקט בייז אויף שומער'ן).

ס א פ ע (דערשלאָגען, פיהלענדיג ווי ער וואָלט אלעס געהערט און געוואוסט): ניט איבריגס, ניט איבריגס.

ש ו מ ע ר: ווי עס זעהט אויס האט אייך די שמחה פון רייז פארטריבען דעם אפעטיט? ניט וואהר איהר פרעהט זיך מיטס זייצעוו?...

ס א פ ע (אביסעל דרייסטער. אין די רייד פיהלט זיך א ציטער): געווים שוין צוועלף וואכען ווי איך האב קיין דאָלער פארדינט. איך האב זיך פארדונגען 4 דאָלער א וואך און...

ש ו מ ע ר: און פלוצים א רייז א דאָלער...

ס א פ ע: נעקסטע וואך האט ער מיר געזאגט...

ש ו מ ע ר: וועט ער ווידער רייזען ניט וואהר?...

ב א ש ע: עסען, גענוג, גענוג מיסטער שומער. לאזט איהר אפעסען (סאפע אין פארלעגענהייט).

ס א פ ע: האט איהר מיר געבראכט וואס איהר האט מיר פארשפראכען מיסטער שומער?

ש ו מ ע ר: אז איך פארשפרעך היט איך מיין פארשפרע־כען!

ס א פ ע: ווען אלע וואלטען געווען אזוינע אמת'ע מענ־שען ווי איהר. מיר דוכט וואלט קיין שלעכטס ניט געווען אויף דער וועלט...

ב א ש ע: אבער דאס איז די צרה מיין קינד, אז גוטע זיינען זייער ווייניג און שלעכטע אזוי פיעל.

ש ו מ ע ר (נעמט ארויס א בוך פון פאקעט): אט האט איהר דעם בוך.

ס א פ ע: איך. (נעמט דעם בוך) איך דאנק אייך.

ב א ש ע: וואס איז דאס פאר א בוך סאפעלע?

ש ו מ ע ר (צו באשען): דער בוך איז שוין איין מאל א בוך. ער האט אויפגערודערט די גאנצע פרעסע. דער שרייבער רייסט ארונטער די מאסקעס פון אונזערע רעדעל פיהרער. דער בוך הייסט „דער נייער אמת" אט ווען מיר האבען אזעלכע ווי דער שרייבער אסך. וואלט מאקע די וועלט געווען א שעהנע, אמת'ע וועלט.

ס א פ ע: קענט איהר אמאל דעם שרייבער?

ש ו מ ע ר: פערזענליך קען איך איהם ניט, נאר איך האב איהם איין מאל געזעהן. באנעט קען איהם גוט. באנעט קען איהם פערזענליך.

ב א ש ע (צו סאפען): ווארום עסטו ניט?

ש ו מ ע ר: עסט, עסט, אפשר בין צו איבעריג? (הויבט זיך אויף) איך דארף שוין סאי ווי געהן.

ס א פ ע: ווער זאגט עס אז איהר זייט איבעריג (שטעלט זיך אויף) געהט ניט אוועק! באלד קומט בארנעט. איך בעט אייך (פויזע) וואס פאר א מאדנער מענש איהר זייט?!..

ש ו מ ע ר: אפשר האט איהר רעכט. (כאַשע אָב אונבאמערקט) צייטענווייס פיהל איך זיך אליין צו זידלען פאר מיין כאראקטער. מיר דוכט אז איך בין יעדען אין וועג, יעדען שטער איך. רק איך לאז דעם צווייטען מיין וועג...

ס א פ ע: גלויבט איהר ניט אז דאס איז לייכטזין איהר זייט...

ש ו מ ע ר: ניין איהר האט א טעות אין מיר. איך בין ניט לייכטזיניג, נאר איך בין סענטימענטאל. איך בין פון יענע האלבע פסיכאלאגיסטען, נאר ווארום זאל איך זיך אזוי באריהמען? ניין! איך בין א ווארים... דאס וואס איך בין...

ס א פ ע: דאס אליין ווייזט אז איהר זייט קיין ווארים, ווייל איהר רופט זיך ווארים, ווייל א ווארים וויל קיינמאל ניט זא־גען, אז ער איז א ווארים, נאר ניט אנדערש ווי א שלאנג... א מעכ־טיגער שלאנג...

ש ו מ ע ר: אך סאפע וואס פאר א גוטע נשמה איהר האט. איהר זייט דאך אזוי. (עס הערט זיך באנעטס שטימע ווי ער רעדט צו יעמאנדען. באלד וועל איך דארטען זיין. באנעט ערשיינט).

ב א נ ע ט: גוד איווניננ (צו שומער'ן) גוט וואס דו ביזט דא, אבי איך האב געוואלט צו דיר געהן. מיר דארפען דיך נייטיג האבען. בין איך הונגעריג צום טייוועל וועז ניט דער עסען ווי גוט וואלט עס געווען. נו עסען. עסען (קוקט זיך ארום ניט טרעפענדיג די מוטער) וואו איז די מאמע?

ס א פ ע (קוקט אויף שומער'ן): האט איהר זי באמערקט ארוים געהן?

ש ו מ ע ר: זי איז נאר וואס דא געזעסען.

ב א נ ע ט (געהט צו צום טיר פון בעדרום): מאמא, מאמא, א טעלעגראם. (זעצט זיך לעבען טיש ברעכט דעם ברויט און עסט. באשע ערשיינט).

ב א ש ע (רייבט די אויגען): וואס האסטו געזאגט א טע־לעגראם?

ב א נ ע ט: יע, א טעלעגראם מאמע.

ב א ש ע: פון וועמען?

ב א נ ע ט: פון מיין מאגען. (אלע לאכען).

ב א ש ע (גרייט דעם עסען): וואס עפעס אזוי שפעט היינט?

ב א נ ע ט (בייסענדיג דעם ברויט): נאכ'ן עסען. אפעסען. (אלע זעצען זיך ארום טיש, שומער בלייבט זיצען פון ווייטען).

ב א ש ע: עסט מיט אונז מיסטער שומער וועט זיין פאר אלעמען. רוקט זיך צו (שטעלט פאר איהם א פלייט).

ש ו מ ע ר: איך בין זאט, איך דאנק אייך זייער. שטערט זיך ניט, איך וועל עפעס לעזען.

ס א פ ע (צו שומער'ן): אבער זיצען מעגט איהר נעבען טיש. מילא עסען, וועלען מיר אייך מיט געוואלד ניט געבען, אבער זיצען מעגט איהר דאך נעבען טיש. שעמען מעגט איהר זיך...

ב א נ ע ט: ווי זי בעט זיך ביי איהם. זאל ער ניט עסען, וועט אונז זיין מעהר. (צו שומער'ן) ניט וואהר שומער?

ס א פ ע (צו באנעט'ן): שווייג און עס אויב דיר איז וועניג גא דיר מיינע אויך (שטופט צו איהם איהר טעלער).

ב א ש ע: נאר ניט געקריעגט זיך. עסט און שומער וועט אויך עסען. (שומער זעצט זיך ביים טיש.)

ש ו מ ע ר: איך וועל זיך זעצען, נאר ניט עסען. (זעצט זיך נעבען סאפען).

(עסען און שווייגען. שומער לעזט דעם בוך).

ב א נ ע ט : אפגעגעסן. נא אט האסטו דיין פיידע (גיט באשען די געלט).

ב א ש ע (ציילט) : איינס, פינף, זיבען, אכט. אכט דאלער דאנקען גאט, א גאנצע וואך געארבעט.

ב א נ ע ט : געקסטע וואך מאמעניו ווייס איך ניט אויב איך וועל האבען פיידע פאר דיר.

ס א פ ע : וואס איז ווידער?...

ב א ש ע : וואס רעדסטו מיין זון? נעקסטע וואך דארף מען רענט געבען.

ב א נ ע ט : מיר געהען סטרייקען!

ב א ש ע : ווידער סטרייקען, איהר האט דאך ערשט געסטרייקט און געוואונען.

ב א נ ע ט : געוואונען, טאקע געוואונען. נאר דער באס איז זיך מישב און זאגט אז מיר האבען גאר פארלארען און וויל ביי אונז ארונטער רייסען צוויי דאלער פון דער וואך. ער קען ניט צאלען אזוי פיעל...

ב א ש ע : גאטעניו מיינער, וועט צו מיינע צרות גאר קיין ענד ניט נעמען? איך בין דאך גאר שולדיג פון יענעם סטרייק.

ב א נ ע ט : היינטיגער סטרייק וועט זיין א גענעראל סטרייק פון אונזער גאנצען טרייד. צעהן טויזענד ארבייטער וועלען מאנטאג ארויס אין קאמפף און די קייטען וועלען מיר צורייסען. און אין א שטארקער מאכט פון א יוניאן וועלען מיר קעמפפען פאר א בעסערען לוין... יע מאמע אן קאמפף וועט אונז קיינער ניט געבען מיר מוזען נעמען (זינגט).

„ניכטא ני דאסט נאם אסוואבאזשדעניע,

ני באג ני צאר אי ני געראי;

מי סאמי דאביאמסיא אסוואבאזשדעניע,

סוואיעי אי סאבסטוועננאי רוקאי“...

ב א ש ע : קינד מיינס, מיר זיינען דאך בעל חובות פון אלטען סטרייק. מען וועט דאך אונז אין גאס ארויסשטעלען. גאט מיינער.

באנעט: ניט פארצווייפעלט מאמא, מ'קען לײדען קען קיין פריידען ניט זיין, אבער דאך נאכ'ן סטרייק וועלען מיר דיר ניט ברייגען קיין אכט סמאלארעס, נאר צוויי מאל אכט... (צו שומער'ן) נו פריינד שומער היינט איז א מיטינג ביי אונז. און די? דו ווייסט דאך?

שומער: איז דען ווידעו מיר אויסגעפאלען מיין ארימע האלז צו מאטערען.

באנעט: ווען פאלט דיר דען ניט אויס? ביזט דאך ווירקליך פאפולער פאר דעם.

שומער: ווער איז טשערמאן? און ווער וועט נאך ריידען?

באנעט: טשערמאן בין איך, און רעדנער ווייס איך אליין נים. עס וועלען זיין צווישען די רעדנער יאסעף ליטווי.

שומער: יאסעף ליטווי? ביזט זיכער? אז ער זאל ריידען, אויב ער זאל ריידען דאן וועט זיין א מאראלישער ער־פאלג דער מיטינג.

סאפע: אזא פאפולערער מאן איז ער?

שומער: דאס איז דער פערפאסער פון „דער נייער אמת". נו געהען מיר?

באנעט: נו קום! (ביידע אב).

(ווען זיי געהען ארויס ראמט באשע אב פון טיש. סאפע העלפט איהר. ביידע שווייגען אין א לאנגער פאזע. באשע צושטעלט די שטולען אין ארדנונג ארום טיש זיפצט און שווייגט).

סאפע: זאג מיר מאמא, מוז אימער דער לייב זוכען צו פארצוקען דאס שעפעלע, אפילו ווען ער איז זאט?... מוז עס זיין אזוי?...

באשע (קוקט אויף איהר מיט שרעק און פארדאכט) א לייב?! ניין! א לייב דאס ניט! א לייב ווען ער איז זאט וועט ניט זוכען זיין רויב ווען ער איז זאט. נאר א וואלף טוט עס אימער... (פויזע). אבער אייגענטליך ווארום פרעגסטו עס? (געהט צו צו סאפען קוקט אויף איהר פארשענד). זאג מיר סאפע, וואס האט היינט פאסירט?

עפעס דיינע רייד, כ'מיין, פארשטעהסטו מיך, זיינען געווען צו דערשראקען.

סאפע: גאנץ געוועהנליך וואס מען קען ערווארטען פון א וואלף...

באשע (דערשראקען כאפט איהר פאר די שולטערן): וואס איז געשעהן? זאג (פארכאפט קוים דעם אטהעם) איז וואס געשעהן? זאג מיר גלייך...

סאפע (דערשראקען פון דער מוטער'ס אויפרעגונג): גאר ניט מאמא, גאר ניט!

באשע (לאזט איהר אב פאלט אין שטול אטעמט שווער: אביסעל וואסער, מיר איז ניט גוט.

סאפע (טראגט איהר גיך צו וואסער): מאמעלע וואס איז מיט דיר?

באשע (בארוהיגט): דערצעהל מיר ווארום ביזטו געקומען היינט אזוי שפעט און אזוי צושראקען און פארטראכט. עפעס האט מיט דיר געמוזט פאסירען?

סאפע: גאר ניט מאמע, עס האט גאר ניט פאסירט! עס האט, איך זאג, עס האט יא עס האט געקאנט פאסירען נאר...

באשע: הא? (אטעמט שווער): הא? וואס? וואס האסטו געזאגט? (וויל זיך שטעלען נאר פאלט צוריק אין שטול).

סאפע: מאמע וואס איז מיט דיר, לאז זיך דערצעהלען. גאט מיינער.

באשע: זאג דעם אמת, איז גאר ניט געשעהן?

סאפע: גארניט מאמע: איך וועל דיר אלץ דערצעה־לען.

באשע: דערצעהל וואס האט ער דיר געזאגט, האט ער דיר אליין די פעי...

סאפע: אלעמען האט ער אליין געגעבען, וויל די בוכ־האלטערין איז פלוצעם אוועק (רעדט ווי צו זיך) אלע זיינען שוין אוועק, אלע. וואו איז מיין פעי מיסטער באס, פרעג איך איהם? א, דיין פעי „היער איז יור פעי" איך געה צו נעמען מיין פעי, נאר ער האלט זי אין האנט און גיט מיר ניט. ווייסט איך האב

דיר געריזט און גיט מיר די געלט, ווירקליך? דאנקע זאג איך, און וויל געהן. ווארט צו, קום צו איך וויל דיר וואס זאגען. איך בין צו מיט שרעק. וועסט קריגען זעקס דאלער נעקסטע וואך. וועסט זיך ביי מיר ארויף ארבייטען. איך זעה ער וויל פארמאכען די טיר, איך וויל שנעל ארויס אבער ער האט מיך פארשטעלט און האט מיך א כאפ געטאן, איך האב א געשריי געטאן און געוואלט זיך ארויס רייסען און (קליינע פּאַוזע) שריי ניט זאגט ער און וויל מיך א קוש טאן (איהר דוכט אז ער האלט זי און וויל איהר א קוש טאן. זי שרייט און רייסט זיך ווי ער וואלט זי געהאלטען). אוועקט איהר לומפ, אט נאט אייך. (פון פּאַטש וואס דוכט זיך אז זי גיט איהם א קלאפ טרעפט זי אין שטול און צוקלאפט די האנט, דאס וואכט איהר אויף. זי כאפט זיך פאר'ן האנט און צוואוויינט זיך).

באשע (דריקט זי צום ברוסט): שא, ש—ש—שא ניט וויין, ניט וויין, נאר פרעה זיך וואס דו ביזט געראטעט מיין טאכ־טער... זאלסט מעהר ניט געהן דארטען ארבייטען פאר קיין געלט ניט מעהר, הערסט!

סאפע (ווישט אויס די אויגען מיט'ן נאזטיכעל זי קוקט אויף דער מוטער. א דריקענדע לאנגע פּויזע. רופט מיט פרייד אויס). מיינע אויגען זיינען געעפענט אצינד מאמע. איך ווייס און פאר־שטעה ווי צו לעבען אצינד.

באשע (דערשראָקען): קינד מיינס קיין שלעכטע גע־דאנקען זאל דיר ניט איינפאלען.

סאפע: מאמע איך מוז פון איהם נקמה נעמען, מיין צער וועט אין נקמה א פרייד זיין, מיין שרעק וועט א שמחה זיך פארבייטען נקמה מאמע (הויבט אויף די הענט) נקמה פאר מיין באליידיגונג, חוב פאר חוב, ער מוז פאר מיינע פיס ליגען.

באשע: קינד מיינס...

סאפע: מיין באשלוס וועל איך ניט ענדערען (צוואוויינט זיך) ביזט אויך א שלעכטע מאמע, די גאנצע וועלט איז אזוי שלעכט צו מיר. די מיידלעך פארגינען ניט מיין שעהנקייט רופען זיי מיר נאר דום־קאפ. די בחורים קוקען אויף מיר מיט'ן מיאוס'ען

פארלאנג. אין סטריט קוקען מיר אלע נאך, מיט פולע מיאוס'ע באמערקונגען איז ניט שרעקליך?

באשע: אויף דעם זיינען פרויען געבארען געווארען.

סאפע: דאן וויל איך זאגען אז איך בין די ערשטע וואס וועט געגען דעם ארויסטרעטען. איך וויל ניט עקזעסטירען פאר יענעם נאר פאר זיך.

באשע: אזוי איז שוין טאכטער אין דער נאטור פון די מענשען.

סאפע: האט אונז די נאטור פארשקלאפט צו אונטערווארפען זיך די געפיהלען פון יעדען לומפ געגען אונזער ווילען? דאן איז דאס אן אויסגעטראכטער ליגען. נאטירליך איז דאס, וואס קומט פון זיך זעלבסט, ניט זיך אונטערווארפען דעם באצווינגונג וואס באצווינגט אונז.

באשע: מיר ריידען ניט פון איינציגע לומפען.

סאפע: די פרוי ווערט אליין די שקלאפין געגען איהר ווילען, דורך דעם ווייל זי איז געטריבען פון דעם. מאמע, איין מאן איז דא, איין מענש, וואס טראגט אין זיך אמת. ער איז איין קלוגער און אמת'ער מענש, דאס איז מיסטער שומער ער האט מיר געגעבען צו פארשטעהן וועגען די ווייסע שקלאפען. און וואָרום זי וואקסט פון טאג צו טאג אלץ מעהר און גרעסער. ער האט רעכט ס'איז שולדיג אין דעם די פרוי אליין. נאך מעהר ווי די אומשטענדען, ווייל זי איז לייכטזין און אזוי ווערט זי פארפיהרט.

באשע: אמת, ער איז א קלוגער יונגערמאן...

סאפע: ניין! פארשטעהסט איהם ניט, ער איז קלוג און גוט און דער אמת איז העכער פון אלעם.

באשע (פארזיכטיג): נע, נע, נע. מאכסט פון איהם א צו גרויסען מענשען. זאג מיר מיידעל (שמייכעלט) אפשר?... איך האב עם די לעצטע צייט באמערקט ביזט צופיעל פארטראכט, האט דאך צו טאן מיט דעם?.... א מאמען מעג מען דערצעהלען. זאג שעהם זיך ניט...

סאפע: וואס מעהר מען לעזט, וואס מעהר מען שטודירט די כאראקטערע פון די העלדען פון דעם דערציילער אלץ מעהרער

ציהט די הארץ צו זיין אין אזא אטמאספערע. מיין טענדענץ איז אזוי גרוים און שטעל מיר פאר א פאנטאסטישען העלד אין זיך... (פויזע) ווען די ראמאנגען שרייבער וואלטען מיך פארגעשטעלט אין זייערע ראמאנען וואלט די וועלט געזעהן א גאנץ אריגינעלען טיפ...

באשע: דאס דוכט זיך דיר יעצט, אבער ווען דו געהסט אריין אין דער אטמאספערע וואלסט גאר אנדערש געווארען, וואלסט זיך אליין ניט דערקאנט.

סאפע: פון וואנען ווייסטו מאמא, האט דאס מיט דיר אויך געשעהן?

באשע: יע מיין קינד. איך בין אויך ראמאנטיש געווען אין דיינע יאהרען!

סאפע: אבער דאן איז געווען אן אנדער וועלט, אנדערע מענשען, א פעריאדע פון עטליכע און 20 יאהר.

באשע: אזוי ווי דו בין איך געווען אין מיין צייט. גע־זוכט אויך וואס אנדערש, אזוי איז דאס שוין די געגענווארט די פארגאנגענע און די צוקונפט, די קומענדע, און עס וועט קומען ווידער א נייער דור וועט זיין א פעריאדע פאר יענע.

סאניע: מאמע וואס איז די ליעבע, עס איז דאך אזוי גוט ווען מען ליעבט באטש ווען מען איז אונגליקליך, אפילו ס׳איז עפעס אזוי גוט צו טרוימען פון א געליעבטען. אך מאמע ווייסט וואס פאר א מאן וואלט איך געליעבט?

באשע: פון וואנען, זאל איך וויסען?

סאפע: וואס פאר א מאן האסטו זיך פארגעשטעלט.

באשע: א מאן אן עהרליכען, גוטען מענשען זאל מיך פארזארגען...

סאפע: דאס גאר?... אה מאמא! איך זוך גאר אן אנדער מענשען. איך זוך קיין פארזארגער. איך זוך ניט קיין קנעכט פאר מיר. איך זוך א גרויסע נשמה, א שטארקען ווילענס קראפט פאר העכערעס, שעהנערעס און מענשליכעס...

באשע: האסטו באגעגענט אזא מענשען?

סאפע: ווען איך וואלט באגעגענט וואלט איך דאך ניט

געדארפט זוכען ניט טראגען איהם אין מיינע פאנטאזיעס, וועלט איך דאך איהם געהאט (א קלאפ אין טיר) קאמין (שומער ערשיינט).

שומער (בלאס, געהט ארום הין און צוריק): פע ס'ארא וועלט.

סאפע: וואס איז געשעהן מיסטער שומער, וואס זייט איהר אזוי בלאס און צורודערט?

שומער: באנעט איז ארעסטירט געווארען.

באשע: גאט אין הימעל, פאר וואס גראדע איהם?

שומער: ווייל ער האט ביטער אטאקירט די באסעס (ער ווינקט מיט'ן פינגער צו סאפען. זי געהט צו ביים זייט וואו ער שטעהט. ער זאגט איהר באשע זאל ניט הערען). באנעט איז געשאסען געווארען פון א גענגסטער, ווען ער האט געהאלטען זיין רעדע.

סאפע (ווערט בלאס, עס וואקלען איהרע טריט, קוקט אויף שומער'ן ווי ניט פארשטעהענדיג איהם).

שומער: טוט זיך אן סאפע. מיר וועלען געהן צו איהם.

סאפע: א, וואס האט איהר זעזאגט (כאפט זיך פאר'ן קאפ פאלט אין שטול אריין קוקט ווי ווילד ארום זיך הויבט זיך אויף געהט צו צו שומער'ן) ווי איז מיט איהם געפעהרליך?...

שומער: דאס קען איך באשטימט ניט זאגען, אלענ־פאלס ניט לייכט.

סאפע (לאזט ארויס א געשריי) ארימע מאמע! (פאלט צום פלאר).

פארהאנג

צוריק צו מיין לאנד

דיזען איין אַקטער ווידמע איך
מיט אכטונג דוד פּינסקי.

פערזאנען:

מאקס: 30 יאהר אלט, געקליידעט נעט. (א שרייבער).
ליזא: זיין צווייטע פרוי. 26 יאהר. מיטעלען וואוקס.
רודין: מאקס פריינד, 40 יאהר אלט.
אניוטא: זיין ערשטע פרוי. 28 יאהר אלט. געקאמט נעט, בלאנד און הייך.

צייט און האנדלונג, 1918. אין ניו יארק.

(די ביהנע שטעלט פאָר א צימער, מיט 2 פענסטער, איינס רעכטס, איינס לינקס, פון זייט א טיהר וואָס פיהרט צום ארויסגעהן. א טיהר געגען דער ביהנע, וואָס פיהרט צו א צווייטען צימער. הערצעל'ס און נארדאו'ס בילדער הענגען געגען דער ביהנע. טיש און שטוהלען. מאַקס און ליזא זיצען איינע געגען די אנדערע. די פּאַזע האַלט א קליינע צייט).

מ א ק ס : נע, נע! (פּויקעלט מיט די פינגער אויף דעם טיש).

ל י ז א : ביזט ווירקליך אַזן אנדערער געוואָרען. ווער האָט געדיינקט אזוי זיך איבערמאַכען?

מ א ק ס : עס איז קיין טרוים... ביז יעצט האָב איך אלעס געדיינקט אין די אונמעגליכקייט.

ל י ז א : און יעצט??? אין די ווירקליכקייט?

מ א ק ס : כמעט ווי זיכער!

ל י ז א : פאר דער צייט וואָס איך קען דיך, האָסט דו דיינע אידעאַלען געביטען ווי העמדער אויף דיין לייב.

מ א ק ס : א מענש, וואָס שטעהט אויף איין פּלאַץ, און קוקט אין איין ריכטונג, זעהט ניט ווייטער. געהט ניט ווייטער און פיהלט ניט ווייטער, זיינע אייגענע געפיהלען...

ל י ז א : דענקסט דו אזוי?

מ א ק ס : ניט איך דענק, נאָר עס איז אזוי.

ל י ז א : זאָל זיין ווי דו זאָגסט: וואָלסט דו מיר אפשר געקענט דערקלעהרען, ווי אזוי האָט אויף דיר געווירקט, — איך מיין דער סענטימענטאַלער אַנפאַל?...

מ א ק ס : אַנפאַל?

ל י ז א : זאָל זיין ווי דו ווילסט, לאָז מיר זאָגען.

מ א ק ס: אויב דו וועסט מיר נאר פארשפרעכען, צוצו־געבען.

ל י ז א: לאז מיר הערען.

מ א ק ס: אמת... ווי דו זאגסט, איך האב אלע ווײלע גע־ביטען מײנע אידעאלען, לאזען מיר זיך אפשטעלען ביי דער לעצטער. אסימילירען זיך... וואס האט מיר די צייט געלערענט? מײן לעצ־טען מאנטעל האב איך געטראגען פאר די לעצטע עטליכע יאהר... איך בין געקומען אין בעריהרונג מיט די העברעע, מיט די פיאני־רען פון דער רוסישער באוועגונג. איידער די מלחמה האט אויסגע־בראכען בין איך געוועזען אין דייטשלאנד. ווען איך האב מיך געווענ־דעט צו די דייטשע סאציאליסטען מען זאל מיר ערלויבען זיין אין דייטשלאנד, אז מײן וואונש איז רוסלאנדס מפלה, האט מען געענט־פערט, אונמעגליך... ווייל... איך בין א רוס. עס האט ניט געהאלפען מיין איבערצייגונג, אז איך קען ניט אין רוסלאנד צוריק פאהרען. אלזא, מען האט מיר געגעבען צוויי טאג צו פארלאזען דייטשלאנד. אדער... איך בין א געפאנגענער.

ל י ז א: נו, דאס וויים איך שוין.

מ א ק ס: אין ענגלאנד האב איך אויך מיין וואונש ניט געפונען, ווייל זי איז געווען די מיטהעלפערין פון רוסלאנד. איך האב מיך געטראפען מיט קוראפאטקינען, דער אמת'ער מענש, דער אלטער קעמפפער, דער אסימילאטאר אין פולען ווארט. פאהרט נאך רוסלאנד... אדער שליסט זיך אן דא, מיר מוזען אונזער לאנד רע־טען פון דעם דייטשען קנאפעל. און אין דער זעלבער צייט איז איינער א זאבאטינסקי (אדער ווי האט ער דארט געהייסען, האט ארגאניזירט א אידישען באטאליאן, צו קעמפען מיט די ענגלענ־דער.) און צו קריגען פאלעסטינא. פון אנפאנג האב איך איהם גע־האלטען פאר א לייכטזיניגען טרוימער, און שפעטער גאר פאר א אידיאט.

ל י ז א: אבער דאס אלעס האסט דו מיר שוין דערצעהלט פריהער.

מ א ק ס: איך קען ניט ארייגפאלען אין מיטען, אהן א אנפאנג.

ל י ז א : נו, נו...

מ א ק ס : אויך ענגלאנד האב איך געמוזט פארלאזען. במעט אונטער שווערערע באדינגונגען, ווי דייטשלאנד.

ל י ז א : (אונגעדולדיג) נו, נו?

מ א ק ס : אין אמעריקע בין איך געווען דער גרעסטער פאַ־סיפיסט, אויב ניט גרעסער פון מיין פארשטאנד... די רעוואלוציאַן האָט מיר געעפענט די אויגען און די הארץ נאָך מעהרער. (מיט היץ) די אויגען און דער מח. האָט מיר געעפענט דער דייטשער פריי־דען אין ברעסט ליטאווסק. ענגלאנד׳ס דעקלאראציע...

ל י ז א (אומבאַמערקט) : מיין גאָט!

מ א ק ס (מיט דער האַנט) : ש—ש—שא. לאָז ריידען, איך האב ערגעץ אמאל געלעזען, אז א פאלק אהן א לאנד, איז ווי א מענש אהן א האנד. פאר מיר האט דורכגעשוועבט מיין ברודער, וועלכער איז דערשאסען געווארען אונטער ווארט. א איד, און א הונט איז א פאר. איך בין א איד, ליזא, ניט נאר דעם נאמען איד, נאר א אמת שבת׳דיגער איד. עס ווילט זיך מיר לעבען, ווי איך האב געפיהלט א קינד. דעם אסימילאציע מאנטעל האב איך צופליקט אין פעדעמס, און האב מיך אויסגעוועבט א מגן דוד. (אַט נעהמט ארוים א ווייסען שטיק זייד מיט א מגן דוד אויף דעם אויסגענייט) אַט, זעהסט?...

ל י ז א (שפּרינגט אויף דערזעהענדיג דעם שטיק זייד) האַסט זיך אנגעשלאסען אן דעם ציון לעגיאָן?

מ א ק ס (מיט א שמייכעל) : מארגען פאַהר איך אָפּ...

ל י ז א : און וואס וועט זיין מיט מיר?

מ א ק ס : וואס זאל זיין?

ל י ז א : א, ווי קאלט דו ענטפערסט. (געררייצט) האסט מיך ווען געליעבט? די לעצטע צייט האב איך באמערקט, דאס דו ווערסט קעלטער צו מיר, דיין גאנצע באנעהמונג איז געווען פאר־דעכטיג.

מ א ק ס : האסט דו עס באמערקט?

ל י ז א : פאר דער לעצטער צייט.

מ א ק ס : וועלען מיר ריידען פון וואס אנדערש?

ל י ז א : איך פיהל עפעס דריקט מיר, א שווערעס ליגט אויף מיין הארצען.

מ א ק ס : דארפסט זיך אפרוהען. רוה זיך אוים ליזא.

ל י ז א : מיר האט זיך נעכטען גע'חלום'ט.

מ א ק ס : ווידער מיט דיינע חלומות.

ל י ז א : דאס איז א אונגעוועהנליכער חלום.

מ א ק ס : לאז מיר הערען.

ל י ז א : מירביידע זיינען געגאנגען אויף א גרויסען פעלד. מיר זיינען געגאנגען אין מיטען פון ביידע זייטען זיינען די קארן געוועזן פארטיגע, פולע, האלב איינגעבויגענע קעפלעך, פארטיג פאר'ן שניט. די דערצעהלסט וואונדער זאכען. לעגענדעס פאר דער צוקונפט. און איך נעה צוגעדריקט ביי דיין זייט, די זון האט גע־לויכטען, און געבאדען אונז מיט איהרע שטראהלען. אך ווי גליקליך איך בין געוועזן. איך האב געפיהלט. דאס אלעס ארום מיר זינגט און פרעהט זיך מיט מיר. (זיפצט) זאג, מאקס, האסט די מיר געליבט מיט א אמת'ע ליעבע, מיט א ערשטע ליעבע?

מ א ק ס (הויפט זיך אויף און פארטראכט זיך) : איך האב געליעבט בעפאר דיר א אנדערע. — אנ—אנ—דערע...

ל י ז א : האט זי ניט אויסגעקוקט בלאנד?

מ א ק ס : יע, בלאנד!

ל י ז א : שלאנק, ווי א אפלמע?

מ א ק ס : שלאנק ווי די ווענוס.

ל י ז א : און אויגען ווי סאפיר'ן, ליכטיגע, גרויסע?

מ א ק ס : ווי הימלען גאנצע...

פ א ז ע... ווארום ענדיגסט די ניט דיין חלום? ווארום פרעגסט די מיר?

ל י ז א : אט די... אה? איז אונז אנטקעגען געקומען.

מ א ק ס : א? איז זי אונז אנטקעגען געקומען!??

ל י ז א : קום מיין פריינד, האט זי געזאגט.

מ א ק ס : און וואס?

ל י ז א : זי האט דיך געארעמט, מיך אפגעשטופט, און ביזט

מיט איהר אוועקגעגאנגען. איך האב דיך גערופען, געבעטען, געוויינט... איהר האט זיך אלעם דערווייטערט פון מיר, די זון האט זיך גענומען ארונטערלאזען, פינסטערער... איהר ווייטער... איהר זייט אוועק אויף אן אנדער וועג.

מאקס: און דען וואס?

ליזא: די זון האט זיך ארונטערגעלאזען... (וויינט זיך פאנאנדער. א לאנגע פאזע). איך האב צו דיר גאר ניט. צו זיך גאר... איך האב אין דיר צופיעל געגלויבט, דיינע טרוימען, דיינע פאנטאזיעס האבען מיין קאפ פארדרעהט... דיין פוסטע צייט האסט דו מיט מיר אויסגעפיהלט... און...

מאקס: האב איך דען ניט געטראגען דיין צער מיט מיינעם גלייך? קענסט דו דיך דען באקלאגען. דאס איך בין שלעכט געווען צו דיר? אבער א ראק און א העכט, קענען איין וואגען ניט פיהרען. אונזער גאנג פון לעבען זיינען פערשידען. נעה איך רעכטס, געהסט דו לינקס. זאג איך גלייך, זאגסט דו קרום...

ליזא: האסט דו דאס בעפאר ניט געוואוסט? בין איך דען יעצט אנדערש ווי פריהער?

מאקס: איך האב געדיינקט עס וועט זיך אנדערשען. איך האב עס דיר קיין מאל ניט געזאגט. און אימער ביסט דו נעגאנגען געגען מיינע געפיהלען, ווען איך האב אלע דיינע נאכגעגעבען.

ליזא: האסט מיר קיין מאל ניט געזאגט, אז איך נעה געגען דיין ווילען, אפשר, וואלט איך טאן דיין ווילען?...

מאקס: האסט דו דען ניט געזעהן מיינע ליידען? האב איך דיר אדער האסט דו מיר וואס אויסצוזעצען געגען דיין ווילען? א חוץ דעם יעצטיגען?...

ליזא: ווען דו זאלסט נאר זאגען... (קליינע פאזע).

מאקס: וואלסט דו דען ניט געוואלט זיך אנשליסען אן דעם רויטען מגן דוד?

ליזא: ווען דאס וואלט דיין וואונש געווען.

מאקס: ווי עס טוט מיר וועה פאר דיר. (רודין ערשיינט).

ר ו ד י ן : גור איגוועניג : (גיט ליזען און מאַקסען די האַנט). נו, איז היינט היים. (פון צווייטען צימער רופט מען ליזען). (עס הערט זיך ליזא, ליזא).

ל י ז א (צו רודינען) : ענטשולדיגט, (אָב).

ר ו ד י ן : הייסט עס פאהרען מיר ניט מאַרגען?

מ א ק ס : וואס מיינסט דו?

ר ו ד י ן : אפגעלייקט אויף א וואך. מאַרגען האבען מיר ווידער א באַנקעט.

מ א ק ס : די באַנקעטען האבען מיר שוין דערעסען.

ר ו ד י ן : איך האב פריהער געזעהן אניוטען. זי האט זיך אנגעשלאָסען אַן רויטען מגן דוד.

מ א ק ס : וואס?... דו זאגסט עס ערענסט??

ר ו ד י ן : אזוי האט זי מיר געזאָגט.

מ א ק ס : (שפאַנט הין און צוריק) : צום טייפעל, צום טייפעל. (שטעלט זיך אָפּ). זאג מיר רודין, איז עס ווירקליך, דאס דער ערשטער שטערן איז דער ליכטיגסטער?

ר ו ד י ן : דער ערשטער איז דער ליכטיגסטער.

מ א ק ס : און צווישען אלע שטערען? איז ער דער ליכטיגסטער?

ר ו ד י ן : קוקסט מיר היינט מאַדנע אויס. וואס ביסט דו אזוי פאַרטראכט?

מ א ק ס : האסט דו ווען געליעבט? איך מיין, אויף אן אמת געליעבט? און זי איז א קאפּריזנע געווען?

ר ו ד י ן זיפצט אָב) : יע, מיין פריינד. נאָר ווי געליעבט. ביז איבער די אויערען. עך ברודערקע, דו מיינסט דאס דיינע ליידען זיינען גרויסע.

מ א ק ס : איך פרעג דאך נאָר וועגען דיינע איבערלעבונגען. וואס מישט דו מיך אריין?...

ר ו ד י ן : מאַקס. איך זעה, איך פיהל א טיפער שמערץ דריקט דיין הארץ. דיינעפראגען, דיינע רייד...

מ א ק ס (זיפצט) : דאס נאָר וואס דו קענסט מיר דערצעהלען פון דיינע איבערלעבונגען???

ר ו ד י ן : צופיעל און צו גרוים איז מיין ליעבעם געשיכטע. נאר דאך וועל איך דיר אביסעל אין קורצען, אין עטליכע ווערטער דערצעהלען. ווי דו ווייסט בין איך יעצט 40 יאהר אלט. מיין ערשטע ליעבע איז געווען צו 15 יאהר. און ביז 19 יאהר האב איך צעהנדליגע ליעבעס געפיהרט. ווי שוואוימען זיינען זיי גע־וואקסען. אבער אין אמת'ן זיינען דאס קיין ליעבעס ניט געווען. מיין לעצטע ליעבע, איז געווען מיין אמת'ע ערשטע ליעבע. געווען א שוואצע קליינע מיידעלע האט זי מיר אויסגעזעהן, אבער זי איז געווען עלטער פון מיר. איך האב ניט געדיינקט, אז איך זאל מיך אין איהר פארליעבען. זי גראדע, האט אין מיר זיך גלייך פאר־ליעבט. ווי איך האב שפעטער ערפאהרען.

מ א ק ס : מאך עס קירצער ; בעפאר ליזא קומט אריין.

ר ו ד י ן : א.. יעצט פארשטעה איך...

מ א ק ס : פארשטעהסט דו ערשט ניט, דו ביסט אלט אין יאהרען אבער יונג אין שכל.

ר ו ד י ן : אויב אזוי, ענדיג איך ניט ? !...

מ א ק ס : וועט זיין דיין ליעבע אהן א ענדע.

ר ו ד י ן : און דיינע ניט אהער, ניט אהין...

מ א ק ס : אזוי קוקט עס אויס...

(אניוטא ערשיינט).

ר ו ד י ן (שפרינגט אויף) : האו, כו, זעה נאר ווער עס איז דא !

מ א ק ס (בלאס פון אויפרעגונג) : און איך האב דיר גאר ניט ערווארטעט... אפילו ניט אנגעקלאפט ?

א נ י ו ט א : נו יא... געווים ניט !...

ר ו ד י ן : איך גלויב, דאס איך בין דא גאנץ איבעריג. (וויל געהן).

מ א ק ס : איך האב מיט דיר וויכטיגעס וואס צו ריידען בלייב, איך בעט דיר.

ר ו ד י ן : דען געה איך אריין צו ליזען.

מ א ק ס : האלט זי אפ. ביז איך געה צו אייך אריין. פאר־שטעהסט דו ?

ר ו ד י ן : א, זיכער... באַי, באַי אַניוטאַ...

אַ נ י ו ט אַ (זיפצט אָפּ) : אַ קלוגער יונג דער רודין.

מ אַ ק ס : גאַנץ געווים. אייגענליך, וואָס איז דיין באַזוד אַניוטאַ ?

אַ נ י ו ט אַ : גלאַט אַזוי. האָסט מורא פאַר איהר ?

מ אַ ק ס : איך פרעג דיר ניט דאָס, וואָס דו ענטפערסט מיר ? זאָג מיר, וואָס ווילסט דו פון מיר ?

אַ נ י ו ט אַ : איך בין געקומען צו דיר, ווי דו האָסט מיר געהייסען.

מ אַ ק ס : איך האָב דיר מיין אַדרעס ניט געגעבען.

אַ נ י ו ט אַ : און דאַך בין איך ביי דיר אין צימער. ביי אונז אין צימער.

מ אַ ק ס : וואָס מיינסט דו מיט די ווערטער אַניוטאַ ? איז דיר ניט גענוג, וואָס דורך דיר האָב איך אַזוי פיעל געליטען.

אַ נ י ו ט אַ : דו האָסט געליטען ? און איך ? איך בין פון אייזען ? מיין אומקעהרען מיך צו דיר, איז מיין שווערסטער ליידען פון מיין גאַנץ לעבען.

מ אַ ק ס: וואָס מיינסט דו זיך אומקעהרען צו מיר ? זאָג מיר וואָס דאָס באַדייט. ווייסט דו דען ניט, דאָס איך האָב אַ אַנדער פרוי ? ? ?

אַ נ י ו ט אַ : איז זי בעסער פון מיר ? ביסט דו גליקליך מיט איהר ? פאַרשטעהט זי דיר מעהר ווי איך האָב דיר פאַרשטאַנען ?

מ אַ ק ס : דאָס ווייס איך ניט, איך קען עס ניט וויסען...

אַ נ י ו ט אַ : איז זי אַ גוטע, האָט זי דיר ליעב ?

מ אַ ק ס : אַזוי גלויב איך, אַלענפאַלס בעסער פון מיר.

אַ נ י ו ט אַ : ליעבסט דו זי ?

מ אַ ק ס : זיכער ווייס איך ניט, אָבער ווען זי איז ניטאָ, פעהלט זי מיר.

אַ נ י ו ט אַ : אָבער ווערסט דאַך דיין וואָרט מוזען האַלטען.

מ אַ ק ס : וועלכען וואָרט ?

אנ י ו ט : אז איך וועל זיך אומקעהרען צו דיר געפין איך מיין היים, מיין אלטע היים צוריק.

מ א ק ס : איז דאס ווירקליך??? אבער איך געדיינק עס ניט.

א נ י ו ט א : ווען איך בין אוועק, האסט דו צו מיר אזוי געזאגט. אניוטא, דו געהסט אוועק? (קליינע פאזע) אך ווי שוועהר עס איז מיר איבערצודערצעלען. האסט געוויינט און געזאגט, איך וויל דיר ניט אבהאלטען. טו ווי דו פארשטעהסט, נאר אז דו וועסט זיך אומקערען איז מיינע ארעמס (צואווינט זיך.)

מ א ק ס (לייגט ארויף זיין האנט אויף איהר קאפ) : רוהיג, ש—א—ש—א. (מיט א פארקלעמט הארץ) ש—א—...

א נ י ו ט א : איך וויל מיין היים צוריק. דיך צוריק... (כאפט איהם ליידענשאפט ארום און וויל איהם א קוש טאן).

מ א ק ס (שטופט איהר אפ פון זיך) : דו ביסט ווי א שטורם געוועזן און געבליבען. און מיין הימעל וואס האט זיך גענומען נאר אויסלייטערען, האסט דו ווידער מיט א כמארע פארצויגען.

א נ י ו ט : וועסט מוזען דיין פארשפרעכען האלטען. יע, וועסט מוזען...

מ א ק ס : און ווען איך וועל ניט?...

א נ י ו ט א : נעגען דיין ווילען וועסט דו דיינע ווערטער האלטען.

מ א ק ס : א, ווי איך ציטער פאר דעם געדאנק.

א נ י ו ט א : דאך וועט עס אזוי מוזען זיין.

מ א ק ס : יע. צייט איך האב דיר באגעגנעט בין איך פאר־צווייפעלט, קרבנות איינע נאך די צווייטע האב איך געבראכט און ברייננ נאך איצטער.

א נ י ו ט א : אט זעהסט דו, דו וועסט מוזען... איך וועל געהן נאך דיר ביז וועסט אנפאנגען געהן נאך מיר.

מ א ק ס : אט פאר דעם טאקע שרעק איך מיך. אבער זאג מיר, האסט דו נאר ניט קיין רחמנות אויף מיין יעצטיגער פריינדין, זי איז דאך אזוי פארצווייפעלט.

א נ י ו ט א : ווייס זי דען פון מיר? האסט דו דען איהר דערצעהלט?

מ א ק ס : מיין אויפפיהרונג האט עס איהר שוין דערצעהלט. אניוטא וואס איז זי שולדיג? זי האט דאך מיר רוה געגעבען אין שטורמישע צייטען.

א נ י ו ט א : אבער דער ווילען איז שטארקער פון דעם פארשטאנד.

מ א ק ס : ווי שרעקליך דאס איז, זאג אניוטא, ווארום האסט דו דיך אנגעשלאסען אז דעם רויטען מגן דוד?

א נ י ו ט א : איך מוז דיר נאכגעהן, ביז דו וועסט בלייבען שטעהן.

מ א ק ס : אויך ליזע מיין פריינדין וועט זיך אנשליסען, אזוי האט זי מיר עס היינט געזאגט.

א נ י ו ט א : אויב עס איז אמת, וועט דער קאמף זיין שטארקער, פיעל שטארקער ווי איך האב געדיינקט, א....

מ א ק ס : מיין קאפ ווערט צושפרונגען, איך מוז זיין אליין אצינד.

א נ י ו ט א : און איך וועל זיין נאר מיט דיר.

מ א ק ס : דאן מוז איך אראפ אין סטרים. (איך מוז) (כאפט די העט און פארלאזט דעם צימער).

א נ י ו ט א (לויפט צום טיר) : אוועק... אבער וועסט קומען צוריק.

(א קלאפ אין טיר. ליזע ערשיינט.)

ל י ז א : קען איך אריינגעהן?

א נ י ו ט א : וועמען ווילט איהר? ווער זייט איהר?

ל י ז א : ווילען וויל איך אייך. און ווער איך בין?... טרעה־רען שטיקען איהר אין האלז. די געוועזענע... וואס איהר זייט יעצט.

א נ י ו ט א : קענט איהר מיך?

ל י ז א : יע, איך קען אייך. איך האב געהערט אייער נאמ־ען געשפרעך. עס איז... מיר שווער זיך איינצוהאלטען. די טרעה־רען שטיקען אט... א... דא, (בארירט די האלז און צואוויינט זיך).

א נ י ו ט א : דאן גלויבט מיר, ליזא, אזוי דאכט הייסט איהר, איך האב עטליכע יאהר מיט זיך געקעמפפט, אבער מעהר האב איך ניט געקענט. ניטא קיין קראפט מיט זיך צו קעמפפען.

ל י ז א (קורץ) : וואס טייג מיין קאמפף, אז איך האב איהם פארלארען, איידער איך האב אנגעפאנגען? איך האב גערענקט — דאס איך וועל זיינע טרוימען פארשטעהן, אבער ניט איך קען איהם פארשטעהן, און מיט דעם האב איך מיין מלחמה פארלארען.

א נ י ו ט א : אויב אזוי, בין איך שטארקער פון אייך, ווייל אין א צייט ארום ווען איך האב איהם פארלאזען, האב איך איהם ערשט אנגעפאנגען פארשטעהן. און איצט... יעצט האב איך מיין קאמפף געוואונען.

ל י ז א : מעגליך, ווען ער וועט מיך פארשטעהן, וועט ער זיך צו מיר אומקעהרען.

א נ י ו ט א : אבער דאס איז ניט מעגליך.

ל י ז א : ווארום? ווארום איז מיט אייך מעגליך געווען?

א נ י ו ט : ווייל איך האב קיינעם געהאט ארום זיך, און די בענקשאפט איז געווען שטארקער פון מיין שטאלץ.

ל י ז א : האט איהר מיט קיין אנדערען זיך ניט פארבונ־דען?

א נ י ו ט א : ניין, דערפאר איז מיין ווילען שטארק מעכטיג.

ל י ז א (פאר זיך) : דאס איז אונגעוועהנליך.

א נ י ו ט א : אין דעם איז מיין מעכטיגע וואפע.

ל י ז א : אמת, איהר האט מעהר רעכט אויף איהם, ווי איך. איך מוז געהן און מיין פלאץ מוז זיין פריי פאר אייך. איך געה מיינע זאכען איינפאקען, און נאך היינט...

א נ י ו ט א : איך...

ל י ז א : טאקע גלייך... עפעס אזוי גרינג פיהל איך זיך מיר. ווי שוועהר מיר איז פריהער געווען, אזוי גרינג פיהל איך מיך יעצט (אב) (רודין ערשיינט).

ר ו ד י ן : וואס האט איהר דא פארקאכט? וואס? זי געהט פארלאזען די הויז.

א נ י ו ט א : מיין הויז.

ר ו ד י ן : וואס זי האט געהאלטען אין ארדנונג און ריין ?

ר ו ד י ן : אבער וואס איך האב אויפגעבויט.

ר ו ד י ן : א, ווער קען עס פארשטעהן ?

א נ י ו ט א : יעדער איינער !

ר ו ד י ן : ווארום האט איהר איהם פריהער פארלאזען ?

א נ י ו ט א : ווייל איך האב איהם ניט פארשטאנען.

ר ו ד י ן : און יעצט פארשטעהט איהר איהם ?

א נ י ו ט א : אויב איינער פארשטעהט איהם ריכטיג... דאן בין איך די איינציגע. זיין וועג, איז יעצט מיין וועג. זיין געפיהל איך יעצט מיין געפיהל.

ר ו ד י ן : דערפאר האט איהר זיך אנגעשלאסען אן דעם רויטען מגן דוד ?

א נ י ו ט א : ווייל איך מוז געהן נאך איהם, ביז ער וועט מיך נויטיג האבען.

ר ו ד י ן : אבער ליזא ?

א נ י ו ט א : זיי זיינען סאי ווי סאי קיין פאר ניט. זיי פארשטעהען זיך איינער דעם צווייטען ניט, זיי זיינען די ליידען איינער פאר דעם צווייטען.

ר ו ד י ן : דיינקט איהר אזוי ?

א נ י ו ט א : ניט איך דיינק, נאר איך בין זיכער. אלענ־פאלס האט זי מיר עס אליין ערקלעהרט.

ר ו ד י ן : דאס האב איך דוכט מיר אויך באמערקט, נאך בולטער, אין זיין לעצטע ווערק („צוריק צו מיין לאנד“).

א נ י ו ט א : אין דעם ווערק האב איך דערקענט דעם רוף נאך מיר. אין דעם ווערק האב איך איינגעזעהן דאס איך בין זיין ציעל. אין דעם ווערק, האב איך איהם געגומען פארשטעהן, און מיין נשמה און מיין הארץ איז מיט זיינע צוזאמען געגאסען, ווי איי־נער. און מיר קענען ניט עקזעסטירען, איינער אהן דעם צווייטען.

ר ו ד י ן : איהר פארשטעהט ווירקליך זיין ווערק.

א נ י ו ט א : ניט זיין ווערק, נאר איהם. די ווערק האט נאר נערעדט דורך איהם, דער בוך איז ער. די שטומע ווערטער... זיין נשמה, זיינע רייד...

ר ו ד י ן : דיינקט איהר ניט, דאס זי וועט ליידען צו שטארק דורך דעם? כ'מיין ליזא??

א נ י ו ט א : איך גלויב, דאס ניט! אפשר, פון אנפאנג אביסעל, נאר דערנאך וועט זי גאנץ צופרידען זיין, ווייל יעצט לייד זי מעהר מיט איהם, ווי שפעטער אהן איהם.

ר ו ד י ן : איהר פארשטעהט עס בעסער, איהר זייט א פרוי.

א נ י ו ט א : וואלט איהר וועלען אריינגעהן צו איהר, זעהן וואס זי טוט דארטען?

ר ו ד י ן : ווי איבערדיינקליך, איהר זייט. יעס, איך געה. (אב).

מ א ק ס (ערשיינט).

א נ י ו ט א (מיט א שמייכעל): דאך זיך דערוואַרט. צוריק געקומען. (וויל איהם אומארמען).

מ א ק ס : יעצט זעה איך, דאס דו פארשטעהסט מיר.

א נ י ו ט א : האסט דו געהערט אונז ריידען?

מ א ק ס : אלעס. יעדעס ווארט. אלעס איז אמת. וואס דו האסט געזאגט. אבער וואס זאל איך טאן מיט איהר?

א נ י ו ט א : זי האט מיר דעם וועג פריינגלאזען. זי האט מיר אפען געזאגט, אז איך האב מעהר רעכט צו דיר, ווי זי.

מ א ק ס : דער לעבען. דער גאנצער לעבען איז א מלחמה. דער שטארקער שטופט אפ אימער דעם שוואכערען. דער שוואכער. דער באזיעגטער... בויגט איין די קאפ, טרעט אפ זיין וועג פאר דעם זיעגער.

א נ י ו ט א : האסט רעכט, אזוי איז עס. און אזוי וועט עס בלייבען... די מלחמה פון לעבען וועט קיין מאל ניט אויפהערען. פון פאלק צו פאלק מעגליך זאל אויך ווערען מלחמות, אבער ניט פון מענש צו מענש.

מ א ק ס : אזוי ווייזט עס אויס.

א נ י ו ט א : דאס לעבען איז א הויכע בארג, וואס ציהט יעדען ארויף. און אלע קריכען. און אלע דראפען זיך אויף אלע פיער. אנדערע זיינען צו שוואך, ביים אנפאנג קלעטערען פאלען זיי

ארונטער. מאנכע איז מיטען. און מאנכע פון סאמען שפיץ? און זייער פאל איז שרעקליך. זייער פאל איז טויט.

(רודין לויפט מאריין מיט א ווילדען געשריי).

ר ו ד י ן : שנעלער נאך א דאקטאר... ליזא האט זיך געד סם'ט. (עס הערט זיך א פאל אין סטריט. געשרייען, ווייבערשע קוויטד שעריי. רודין קוקט דורכ'ן פענסטער. שפרינגט אפ צוריק מיט א פארד שטיקטען געשריי).

ר ו ד י ן : זי האט זיך אויך דורך דעם ווינדע דורכגעוואר־ פען. (מאקס לויפט ארונטער, ער טראגט זי אריין א צעשמעטערטע, פון פנים גיסט זיך בלוט, ער לייגט זי אוועק אויף דעם פלאר; ווייבער מיט קוויטשעריי און געוויין שטופען זיך, ריידען אונפארשטענדליך... קינ־ דער, אייניגע מענער, אלע שטופען זיך אריין.

א נ י ו ט א (פאלט צו איהר צו מיט געוויין) : א. מלחמה פון לעבען.

מ א ק ס : ניט געקענט ארויף. צו הויך די בארג פון לעבען פאר דיר געוועזן...

פ א ר ה א נ ג פ א ל ט ל א נ ג ז א ם.

הערר גאָלץ

פערזאנען:

הערר גאלץ.
פרוי גאלץ.
דאקטאר.
אקושעריז.
מאדאם זילבער.
הערר זילבער.
דינסט.

(די ביהנע שטעלט פאָר א צימער, נאָכדעם א צווייטער צימער מיט בלויע סאַמעטענע פאָרהאַנגען. ניט רייך אָבער געשמאַקפאָל מעב־לירט. ווען דער פאָרהאַנג הויב זיך אויף הערט זיך קלינגען פון דעם גלעקעל).

ד י נ ס ט : (קומט ארויס עפענט די טיר, דאָקטאָר ערשיינט).

ד אָ ק ט אָ ר (גיט איהר דעם הוט מיט דעם מאַנטעל): וואס הערט זיך, וואס מאַכט זי?

ד י נ ס ט : זעהר שוואַך זי ליגט ווי באַוועגלאָז.

ד אָ ק ט אָ ר : איז די אקושעריין נאָך דאָ?

ד י נ ס ט : יע, זי איז נאָך דאָ. זי וואַרט אויף אייער קומען, זי איז זעהר אויסגעמאַטערט.

ד אָ ק ט אָ ר : יע מיר האָבען שווער די נאַכט געארבייט (געהט אריין דורך די פאָרהאַנגען. עס הערט זיך א וויינען פון א קינד).

ד י נ ס ט : ווען דער הער וואָלט דאָס וויסען, ער האָט דאָס גאָרניט ערוואַרטעט. נאַדיר א זיבעלע.

ד אָ ק ט אָ ר (שטעקט ארויס די קאָפּ דורך די פאָרהאַנג): איהר וועט אזוי גוט זיין אריינברענגען לעבליכע וואַסער. (דינסט אָב). (עס הערט זיך דאָס וויינען פון קינד).

ד אָ ק ט אָ ר : אזוי איז דאָס איין לעבען קומט, איינער געהט אוועק. (דינסט אריין).

ד י נ ס ט : אָט האָט איהר וואַסער.

ד אָ ק ט אָ ר : זייט אזוי גוט, גיט עס צו דער אקושעריין איך קום גלייך אריין. (נעהמט אַרויס אַ ציגאר און פּאַרויכערט, זעצט זיך אויף א שטול, באַטראַכט די בילדער די ביכער). (דינסט קומט אריין).

ד אַ ק ט אָ ר : איך קוק אויף די ביכער, אייער הער מוז זיין א געבילדעטער מאַן.

ד י נ ס ט : צו ער איז אַ געבילדעטער דאָס ווייס איך ניט, ווייל איך בין א פּראָסט ווייבעל. נאָר מענשען האַלטען איהם פאר זעהר א געבילדעטען. אלע קומען צו איהם שרייבען אמעריקאנער אדרעסען.

ד אַ ק ט אָ ר : מיט וואָס באַשעפטיגט זיך אייער הער?

ד י נ ס ט : ער איז אַן אַגענט פון זינגער מאַשינען פון די עלטערע אַגענטען. ער האַלט אין איין ארום פאָהרען, קומט איין מאָל אין צוויי וואָכען. אדער אין א חודש אמאָל. ערשט נעכטען פריה איז ער אוועקגעפאָהרען.

ד אַ ק ט אָ ר : האָט מען איהם געלאָזט וויסען וועגען קינד?

ד י נ ס ט : איהר ווייסט ער האָט געוואָלט אז זי זאָל אראָפּטרייבען דאָס קינד.

ד אַ ק ט אָ ר : דאָס ווייס איך, אָבער איך פרעג אייך, צו מען האָט איהם געלאָזט וויסען וועגען קינד?

ד י נ ס ט : נו, געוויס, מען האָט איהם טעלעגראַפירט, גלויבט איהר ניט אז ער וועט דאָס קליין נפש'ל ליעב האָבען? ער איז אזא שטריינגער מענש. זעלטען זעהט איהר אויף איהם א שמייכעל. זעהט איהר די מאַדאַם, זי איז גאָר אַן אנדערע. דער שמייכעל ליגט אימער אויף איהרע ליפּען.

ד אַ ק ט אָ ר : די מאַדאַם? (פאַרטראַכט זיך).

ד י נ ס ט : יע, די מאַדאַם איז א מלאך.

ד אַ ק ט אָ ר : מלאכים קענען אויף דער ערד ניט לעבען.

ד י נ ס ט : איך וואָלט שוין וועלען זעהן וואָס פאר א פּנים ער וועט מאַכען. וואָלט איך געוואָלט אז דאָס קליינינקע זאָל ביי איהם חן קריגען. גאָט...

ד אַ ק ט אָ ר : מאַכט זיך ניט קינדיש. וואָס האָט ער קיין פאָטער ליעבע ניט, איז ער דען ניט דער פאָטער פון קינד?

ד י נ ס ט : אָבער ער איז אזא ערענסטער, א בייזער.

ד אַ ק ט אָ ר : אזוינע מענשען דארף מען קענען פארשטעהן.

אונטער זייער ערנסטקייט און בייזקייט ליגט א קוואל פון גוטס־קייט און ליעבע.

ד י נ ס ט : דענקט איהר אז ער איז איינער פון אזעלכע.

ד א ק ט א ר : אזוי גלויב איך.

ד י נ ס ט : איך האב מורא איהר מאכט א טעות.

ד א ק ט א ר : ער קוקט אויף דעם לעבען מיט טיפערע אויגען פון אייך און פון מיר אפילו.

ד י נ ס ט : דאס פארשטעה איך ניט, און איך וויל ניט פארשטעהן. איך וויים זינט די וועלט שטעהט האבען פרויען קינ־דער און מענער מישען זיך ניט אין אזוינע אנגעלעגענהייטען.

מאדאם זילבערט און איהר מאן קומען אריין.

ד י נ ס ט : אט איז דער מאדאמס מוטער.

ה ע ר ז י ל ב ע ר : און איך בין איהר מאן.

מ א ד. ז י ל ב ע ר : אז מען שטעלט דיך ניט פאר וואס שטעלסטו זיך אליין פאר?

ד א ק ט א ר : נו, איך פארלאז אייך, איהר וועט מיר ענט־שולדיגען, איך געה זעהן וואס די קינבעטאָרין מאכט.

מ א ד. ז י ל ב ע ר : געהט, געהט, מיר וועלען אויך באלד אריינקומען.

דאָקטאָר אָב.

ד י נ ס ט : וואלט איהר טרינקען א גלעזעל טהעע מאדאם, דער סאמאוואר איז נאך הייס?

ה. ז י ל ב ע ר : מילא, ווילסט געבען טהעע, טא דער־לאנג שוין.

מ א ד. ז י ל ב ע ר : ער וועט זיך אפזאגען ווען פון טהעע, דער אלטער זויפער, האסט דאך ערשט געטרונקען טהעע.

ה. ז י ל ב ע ר : נארעלע וואס ווארט דאס דיך, וועל איך טרינקען נאך א גלעזעל (דינסט אָב) א טייער ווייבעל די דינסט, מיר איז א וואונדער וואס זי האט ניט חתונה. זי איז נאך גאר ניט אזוי אלט, ווי דיינקסטו ?

מ א ד. ז י ל ב ע ר : ווער וועט זי וועלען מיט זעקס קינדער?

ד י נ ס ט (קומט אריין) (טראָגט אויף א טאַץ עטליכע גלעזער טהעע) : אט האט איהר טהעע.

מ א ד ז י ל ב ע ר : זאג מיר רחל, ווי דיינקסטו וועט ער אויפנעמען די בשורה וועגען קינד.

ד י נ ס ט : דער דאָקטאר האט מיך צומישט.

מ א ד. ז י ל ב ע ר : וואס איז דען ?

ד י נ ס ט : ער האלט פון איהם מעהר ווי מיר אלע. ער האט איהם אזוי הויך געהויבען נאך העכער פון זיך. פאר א גאנצען קענער מאכט ער איהם.

ה. ז י ל ב ע ר : וואס דען, איך בין א קענער ווען איך וואלט געוועזען אזא פרייער פויגעל וואלט איך אויך געווען א קענער. א מענש פאהרט ארום די וועלט, און לעזט ביכער און זאל ניט זיין קיין קענער ? איז דא דער וואונדער ?

מ א ד. ז י ל ב ע ר : ער איז אויך אפילו אין אמעריקא געוועז. אין נעוו יארק וואו די מאשינען ווערען געמאכט.

ד י נ ס ט : דערפאר זאגט דער דאָקטאר מען דארף איהם פארשטעהן.

מ א ד. ז י ל ב ע ר : אבער וואָרום וויל ער קיין קינדער ניט האָבען ?

ד י נ ס ט : אט דאס איז דאך מיין פראגע ? וואס איז א פאמיליע־לעבען אהן קינדער ? וואס איז א הויז אהן א קינד ? די הויז איז ווי וועגט אהן א דאך.... וואס ליעבט נאך שטארקער א פרוי, ווי א מוטער צו זיין. (עס הערט זיך דאס קינדס וויינען אין צווייטען צימער).

ל א ז א ר ג א ל ץ (קומט מיט א קליינעם טשעמאָדאַן, קוקט זיך ארום, שטעלט אוועק דעם טשעמאָדאַן אויף דעם שטוהל. טוט אויס זיין פאַלערינע און די הוט. קוקט א לענגערע ווייל אויף דעם שלאָפ־צימער. עס הערט זיך דאס געוויין פון דאס קינד. ער ציטערט אויף, געהט צו צום צימער, נעמט אָן די פאָרהאַנג, קליינע פאַזע. לאזט עס אָב, קערט זיך אום צום פענסטער, שטעהט א ווייל פאַרטראַכט) : נו הייסט עס בין איך א פאַטער געווארען. איך... און מיר דאכט זיך אז איך האב עס ליעבט באקומען. דאס האט מיין פאַטער ליעבע ערוואכט.

האב איך א רעכט אויף א קינד? איך וואס בין אונפעהיג צו ער־ציען א קינד, זאל האבען קינדער. ווארום בין איך אזוי שלעכט? שלעכט צו מענשען, און שלעכט צו זיך. אבער די שולד ווער האט אין דעם? ווער האט עס אין מיר איינגעפלאנצט? און פאר דעם האב איך מורא. אך גאט העלף מיר, גיב מיר כוח, מוטה צו קענען געהן דעם וועג ווי אלע געהן (קוקט אויף דעם צימער) דאכט זיך אין צימער ליגט א נייעם לעבען. מיין בלוט איז אין איהם. מיין שלעכטע בלוט, האט ער אין זיך אריינגענומען. די בלוט פון מיין פאטער וואס האט אין מיר אריינגעגעבען. (געהט צו צום צימער, נעהמט פאר־באנדער די פארהאנגען, עס זעהט זיך א בעט. די קינדבעטארין ליגט אין איהר, די קינד ליגטביים זייט פון דער מוטער. דער דאקטאר און די אקושערין קלייבען זיך אוועק צו געהן. די דינסט טוט אן דעם מאנ־טעל דעם דאקטאר. הער און מאדאם זילבער זיצען אויף שטולען).

ד י נ ס ט : דער הער איז דא (אלע הויבען זיך אויף).

ה ע ר ז י ל ב ע ר : וואס האסטו געמיינט, ער וועט ניט קומען. ער איז דאך דער טאטע פון דאס נפשל, וואס מיינסטו עפעס א טאטע וואקסט אין בלאטע?

ל א ז א ר ג א ל ץ : געהט צו צו דער קינדבעטארין טוט איהר א קוש אין שטערען. מזל טוב דיר...

ד א ק ט א ר : זאל זי רוהען, רעדט ניט צו איהר.

ל א ז א ר ג א ל ץ : איהר געהט אוועק דאקטאר?

ד א ק ט א ר : אין קורצען וועל איך זיין צוריק.

ל א ז א ר ג א ל ץ : איך וואלט געוואונשען איהר זאלט דא בלייבען ווען זי איז אזוי שלאף.

ד א ק ט א ר : איך מוז דאך באגלייטען די אקושעריז. דער וועג איז זעהר גליטשיג און די נאכט איז פינסטער.

ל א ז א ר ג א ל ץ : וועל איך די אקושערין אהיים פיהרען. כדאי דער דאקטאר זאל דא בלייבען.

א ק ו ש ע ר י ן : מיט'ן גרעסטען פארגעניגען, ווען איהר ווילט אזוי.

ד י נ ס ט : ווארום זאל זי ניט וועלען, א מיאוסער קאוואַ־

ליר זיים איהר. (אלע לאכען). איהר זיים אביסעל א בייזער אבער ניט קיין מיאוסער.

לאזאר גאלץ: הלואי וואלט עס פארקעהרט געווען.

דאקטאר: ווען א מענש איז אויף זיך מודה איז נאך אין איהם דא גוטעס. געהט, די אקושערין איז נאך ניט געשלאפען. זי האט שווער און וויסענשאפטליך געארבייט.

(אקושערין און לאזער אב).

דאקטאר: די קינדבעטארין שלאפט קומט אריין אין צווייטען צימער. (זיי געהען ארויס. די דינסט פארציהט די פארהאנגען). אבער לאזט אביסעל אפען.

דאקטאר (זעצענדיג זיך): ווי איך זעה האט מיך מיין פארשטאנד ניט אפגענארט.

דינסט (הויבט די הענט אויף): איך דאנק דיר גאטעניו פאטער. דו ביזט דאך אויך דער פאטער איבער אונז דיינע קינ־דער. (טוט זיך א כאפ) און איך רעד, געקענט האב איך שוין לאנג פארטיג מאכען דעם סאמאוואר (אב).

דאקטאר: א זעלטען איבערגעגעבענע דינסט.

מאד. זילבער: וואס זאל זי נעבעך טאן, אן אלמנה מיט זעקס קינדער.

דאקטאר: און וואו זיינען די קינדער?

מאד. זילבער: צוטהיילט צווישען איהר פאמיליע, איינער האט גענומען א קינד אן אנדערער צוויי. די עלטערע קינד א מיידעל איז ביי מיר.

דאקטאר: איהר מיינט זי דינט ביי אייך?

מאד. זילבער: ניט מעהר זאלען מיינע שונאים האבען געזונט וואס זי ארבייט ביי מיר, איך ארבייט מעהר פון איהר.

ה. זילבער: שילט זיך ניט, און שווער זיך ניט. דער דאקטאר וועט דיר אזוי אויך גלויבען.

דאקטאר: נו, מיר ווילען מעהר ניט רעדען וועגען דעם. (דינסט קומט אריין).

דינסט: וואלט דער העדר דאקטאר געגעסען וועטשערע

מיט אונז? אייגענטליך פיהל איך זיך היינט קיין דינסט דאַ, נאָר די בעל־הבית'טע פון הויז.

מ א ד. ז י ל ב ע ר : געוויס ליגט עס די פליכטען אויף דיר פון אלעם (לאָזאָר גאַלץ קומט אריין).

ד י נ ס ט : און אַט איז הערר לאָזאָר אויך דאַ, איך געה גלייך אריינטראַגען דעם סאמאָוואר (אָב).

ד אַ ק ט אָ ר : נו, הערר גאַלץ, יעצט גיב איך אייך מזל טוב אָב (הויבט זיך אויף, רייכט איהם די האַנט) גליק פון מיין טיעפען הארצען.

ג אַ ל ץ : א דאנק, א דאנק (טוט אויס זיין מאַנטעל).

(דינסט טראָגט אריין דעם סאַמאָוואַר שטעלט איהם אויף דעם טיש).

ג אַ ל ץ : דער דאָקטאָר וועט מיט אונז וועטשערע עסען. איהר הערט רחל?

ה. ז י ל ב ע ר : מיט וואס ביזטו אזוי זיכער אז דער דאָקטאָר וועט וועלען?

ד אַ ק ט אָ ר : הער גאַלץ איך וועל אייך ניט ענטזאָגען.

ד י נ ס ט : עס בראָט זיך א טייער פעטינקע גענזעל, אז איהר וועט זיך אלע באלעקען.

ד אַ ק ט אָ ר : מען רימט אייער קאָכען, נאָר יעצט וועל איך זעהן אויב עס איז אמת אויב איהר זייט טאַקע א גוטע קע־כין?...

ד י נ ס ט : דענקט ניט הער דאָקטאָר, אז איך בין א דינסט אלע מיינע יאהרען. איך האָב אמאָל אויך געהאַלטען דינסטען. נאָר אז גאָט האָט געוואָלט אזוי (ווישט די אויגען).

ג אַ ל ץ : ווער האלט דען דאָ אייך פאר א דינסט? מען פרעגט דען אייך וואָס איהר טוט? אָדער ווי איהר טוט. איהר זייט די אויפזעהערין פון אונזער הויז.

ד י נ ס ט : איך האָב זיך ניט צו באקלאָגען. דאנק דיר גאָט פאר דעם... און געזונט זאָלט איהר זיין מיט אייער פרוי און מיט אייער קינד. (וואַרפט א קוש וואו די קינדבעטאָרין ליגט) אָך האָב איך זי ליעב ווי אן אייגען קינד. אנגיסען אייך נאָך טהעע דאָקטאָר?

ד אַ ק ט אָ ר : דאַנקע איך וויל ניט מעהר.

ד י נ ס ט : און איהר מאד. זילבער וועט אויך עסען מיט אונז וועטשערע?

מ א ד. ז י ל ב ע ר : און וואס וועלען מיר טאן מיט אונזער וועטשערע? (צום מאן) קום טאקע אהיים, די קינדער ווארטען פאר אונז.

ג א ל ץ : וואס רעדט איהר שוויגער, איך מיין דאך אז איהר זאלט ביי אונז נעכטיגען.

מ א ד. ז י ל ב ע ר : ווער זאגט דיר דען אז ניט, געווים וועל איך קומען נעכטיגען.

ד י נ ס ט : טא, זאל הער זילבער געהן אהיים, און איהר וועט דא בלייבען, צוליעב וואס געהן אהין און אהער.

מ א ד. ז י ל ב ע ר (צום מאן) : ווי דענקסטו וואלט דאס ניט גלייך געוועזן?

ה ע ר ז י ל ב ע ר : זאל זיין אזוי, און איך געה גלייך, גוט נאכט אייך אלעמען (אב).

(עס הערט זיך א געוויין פון קינד.)

ג א ל ץ : (שפרינגט אויף און געהט אריין אין שלאף צימער)

ד א ק ט א ר : דער קינד וועט איהם איבערמאכען, ער האט דאס ליעב.

מ א ד. ז י ל ב ע ר : אויף דעם איז אונזער גאנצע האפנונג, איך דאנק דיר גאט.

ד א ק ט א ר : דאס איז א נאטור געזעץ, און ניט דער ווילען פונ׳ם מענשען. (דינסט אב).

ג א ל ץ (קומט אריין) : שוויגער זי רופט אייך.

ד א ק ט א ר : איך געה אויך. (מאד. זילבער אב).

ג א ל ץ (צום דאקטאר) : מיט אייך האב איך... וויל איך וואס ריידען.

ד א ק ט א ר : דערפאר וויל איך זעהן וואס זי מאכט פריער.

ג א ל ץ : גוט, קומט באלד אריין דאקטאר (דאקטאר אב) (שפאנט אהין און אהער). דאס איז א גאנץ אונגעוויינליכע ענדערונג. איך האב דאס ווירקליך ניט ערווארטעט. זאל זיין ווי עס

וויל, אבער איך האב עס ליעב באקומען. ווי קליין דאס איז, און דאך ווי גרויס די ליעבע צו דעם איז. ווי א שטראם פון נייע גע־פיהלען האבען מיך ארום געכאפט, ליעבע צו אלעס און צו אלעמען. איך פיהל אז איך האב עפעס טייערעס געפונען, וואס איך האב לאנג ארומגעזוכט און ניט געוואוסט וואס איך זוך... און ענדליך... (געהט צו צו די פארהאנגען קוקט אריין) ארימע פרוי מיינע, האט זיך אלע מאל געבעטען איך זאל מיין שטעלע אויפגעבען, וועט מען לעבען ארימער אבער צוזאמען. און ווער האט פארטראכט איהרע רייד? ווער האט געפיהלט איהר געפיהל. אה, פרוי, צייטענווייז ביזטו מארטירעריש וואונדערבאר. (געהט צו ווידער צו די פארהאנ־גען) (דאקטאר ערשיינט).

ד א ק ט א ר (בלייבט שטעהן קוקט אויף גאלץ'ן) : מיין הער מיר קענען ריידען, קומט זעצט זיך (זיי זעצען זיך, דער דאקטאר פאר־רויכערט א סיגאר), וואס ווילט איהר מיט מיר ריידען?

ג א ל ץ : איך, עה, איך...

ד א ק ט א ר : רעדט אפען, באהאלט זיך גאר ניט, איך וויים אז מיט דעם געבורט פון קינד האט אייך געמאכט צו ענדערען אייערע געפיהלען.

ג א ל ץ : הער דאקטאר, איך ליעב דאס קינד.

ד א ק ט א ר : וועלכער פאטער האט ניט ליעב זיין קינד? וואס דערצעהלט איהר מיר דא פאר א נייעס.

ג א ל ץ : ביי מיר איז דאס א נייעס, ווייל איך האב קיין מאל געביינקט און ניט געפיהלט אז איך ערווארטע א פאטער צו ווערען. עס איז מיר גאנץ פרעמד דער געפיהל געוועזן.

ד א ק ט א ר : האט איהר זיך געפיהלט אז איהר האט א היים און א ליעבע צום פאמיליען לעבען?

ג א ל ץ : מיר דוכט זיך אז ניט, איך האב קיינמאל קיין בענקשאפט ניט געפיהלט ניט נאך מיין היים, און ניט...

ד א ק ט א ר : צוליעב וואס האט איהר געהייראטה?

ג א ל ץ : זאל איך זאגען דעם אמת?

ד א ק ט א ר : אויב ניט דעם אמת, דאן דערצעהלט מיר גארניט.

גאלץ: דאן טו איך עס (א קליינע פּאַזע) הער דאקטאר איך האָב געפיהרט א צו שטורמישען, אדער בעסער געזאָגט עקעל־האפטען לעבען. מיין פּראָפעסיע האָט מיר פיעל אין דעם געהאָל־פען. די פרויען זיינען זעהר לייכטזיניג. א פּראַנטעל בין איך פון אימער געווען. געזאָגט א מיידעל איך ליעב... און זי איז געווען מיינע... איך האָב ניט איבערגעקליבען קיין פרויען, מייד־לעך... אלטע, יונגע... שעהנע אדער מיאוסע. איך האָב בלומען אויסגעריסען און מיט די פּיס געטראָטען. איך האָב פיעלע פאַר־מיליען לעבענס רונירט... און יעדער שטאָדט וואו איך בין געווען האָב איך א צייכען פון בלוט הינטער מיר געלאָזען. אָה, די פרויען. דאָס איז אזא וויין, וואָס מעהר איהר טרינקט, מעהר ווילט איהר...

דאקטאר: ווענען באשולדיגט איהר אין דעם, איהר ווייגט?...

גאלץ: הער דאקטאר, איך באשולדיג זיך, זיך אליין באשולדיג איך. איך בין א פארברעכער געווען און גיב עס צו. איך האָב קרבנות דאקטאר, דאָס איז מיין ודוי פאַר אייך. איך פיהל זיך היינט גליקליך און דאָך שרעקט מיר מיין הארץ עפּעס.

גאלץ: עך... עך... ווען דער מענש זאָל וויסען וואָס באַ־דייטעט גליק, און אונגליק. דעם שרעק פון פרייד, דעם שרעק פון אונגליק... דאָס איז א קראַפט וואָס איז איבער אונזער מענליכען געפיהל... אבער פיעל מאָל ווען עס קלאַפּט די הארץ אָך, דאן ציטער איך...

דאקטאר: ווארום האָט איהר געהייראַט, זאָגט מיר? האָט איהר...

גאלץ: לאָזט איך בעט אייך, איך רעד ווענען שרעק... איך האָב דאן אויך געפיהלט אזא קלאַפּעניש אין הארץ ווי יעצט... אין א קליין שטעדטעל בין איך געווען. נאָך דאַכט גאָר א קינד איז זי געווען, זעכצען, זיבעצען יאָהר... אבער ניט מעהר זאָג איך אייך. א בלום... גאָט, ווי שעהן זי איז געווען... איין וואָך בין איך אין שטעדטעל געווען, פאָהרט ניט האָט זי זיך געבעטען... איך וועל זיך דאָס לעבען נעמען אויב איהר פארלאָזט מיך... אדער נעמט מיך מיט. (ווישט די אויגען) זעקס אין דער פריה, ווען די

באהן האט געדארפט אפגעהן, איידער איך האב זיך געוואלט זע־צען, האב איך דערהערט א געשריי, גאלץ נעם מיך מיט. איך האב זיך גיך ארייגעכאפט אין וואגאן — א פייף... איינס, צוויי דריי... די באהן האט זיך גערהירט... א געשריי, די באהן איז שטעהן גע־בליבען... דאקטאר (לעהנט זיך אן טיש און וויינט).

ד א ק ט א ר : א פארברעכער מוז זיין א הארטער מענש... ניט אזוי ווייבערש ווי איהר זייט.

ג א ל ץ : זידעלט, וויפיעל איהר ווילט, אבער פארגעסט מיר אויך ניט צו טרייסטען. מיין נשמה איז קראנק פון דאן אן, ווי א שטן געהט זי מיר נאך... אט איצט איז זי אפילו פאר מיינע אויגען. ווי א לעבעדיגע... א—א—

ד א ק ט א ר : נו, דאס דארפט איהר שוין ארויסשלאגען פון קאפ, דאס איז ביי אייך א מאניע קרענק.

ג א ל ץ : א געוויסען קרענק, דער געוויסען פארשטעהט איהר גראבט מיך אונטער.

ד א ק ט א ר : און ווי פיהרט איהר זיך היינט אויף.

ג א ל ץ : היינט? היינט קעמפף איך מיט דער חיה אין מיר... איך דערשטיק די חיה יעדעס מאל ווען זי ווערט ווילד.

ד א ק ט א ר : און עס געלינגט אייך?

ג א ל ץ : יא, עס געלינגט כאטש... אבער עס געלינגט...

ד א ק ט א ר : וואס טוט איהר אין אזא פאל?

ג א ל ץ : איך פאהר גלייך אהיים... זי איז גוט און איבער־געבען...

ד א ק ט א ר : נו וואס זשע ווילט איהר?

ג א ל ץ : מיין נשמה היילט מיר... אויך מיין קערפער היילט מיר.

ד א ק ט א ר : אויף דעם דארף איך גוט שטודירען, אויב איך בין בכוח צו דעם.

ג א ל ץ : איך געה ארום ווי א שטן... ניין דאקטאר, איך וויל מיין קינד זאל א פאטער האבען, איך האב עס ליעב.

ד א ק ט א ר : זאגט ווארום האט איהר ניט געוואלט אייער פרוי זאל א קינד געבוירען?

ג א ל ץ : ווייל... ווייל איך האב מורא...

ד א ק ט א ר : פאר וואס?

ג א ל ץ : עס זאל ניט באקומען מיין ירושה, וועלכע איך האב געירשנ'ט פון מיין פאטער.

ד א ק ט א ר : איז אייער פאטער...

ג א ל ץ : געשטארבען פון אזא לעבען... אה! איך בין נאך א קינד דאן געווען... אבער די ווילדע איינפאלען פון מיין פאטער געדענק איך... ער האט ביי אזא אנפאל שיעור ניט דערווארגען מיין מוטער.

ד א ק ט א ר : איז ער הייסט עס געשטארבען פון ווענערישע קראנקהייט?

ג א ל ץ : איך ווייס ניט פון וואס ער האט געליטען. איך בין צו קליין נאך געווען צו פארשטעהן עס. איך ווייס נאר ער פלעגט ווילד ווערען... משוגע... גאט ווי משוגע...

ד א ק ט א ר : ווען האט איהר זיך צום ערשטען מאל??...

איך מיין...

ג א ל ץ : נאך אלס קינד... שפּילענדיג זיך...

ד א ק ט א ר : און אייער מוטער פון וואס איז געשטארבען?

ג א ל ץ : דאס געדענק איך ניט.

ד א ק ט א ר : ווי זייט איהר אין אייער געשעפט?

ג א ל ץ : וואס מיינט איהר?

ד א ק ט א ר : איך מיין צו זייט איהר רוהיג? צו אויפגערעגט?

ג א ל ץ : די לעצטע פאר יאהר זעהר אויפגערעגט, איך קען לאנג ניט ריידען מיט א מענשען. מיט זיצען לאנג אויף איין פלאץ. און...

ד א ק ט א ר : נו, גענוג... יעצט וועלען מיר רעדען וואס אנדערש. איך זעה ביי אייך ביכער, אסך וויסענשאפטליכע צווישען זיי. האט איהר זיי געלעזען?

ג א ל ץ : כמעט אלע וואס זיינען דא האב איך געלעזען.

לעזען זאָב איך אימער ליעב. איך האָב פיעל געלעזען וועגען אַנאַ־טאָמיע און היגיענע...

ד אָ ק ט אָ ר : האָט איהר עפּעס געלערענט פון דעם ?

ג אָ ל ץ : פיעל, זעהר פיעל האָב איך געלערענט.

ד אָ ק ט אָ ר : האָט איהר געלעזען די געפאַרען פון אזאַ לעבען ?

ג אָ ל ץ : אלעס, אלעס... איך וויים...

ד אָ ק ט אָ ר : זיינט איהר קערפּערליך שוואַך ?

ג אָ ל ץ : איך פיהל אז די ביינער אין מיר טרוקענען... דאַרען... און אין קאָפּ ברענט און שווינדעלט. עס טריקענט דער מאַרך אין מיין גאַנצען קערפּער... דאָס מאַכט מיך שלעכט צו אלעס און צו אלעמען.

ד אָ ק ט אָ ר : יעצט וועל איך אייך פרעגען, וועט איהר פאָלגען מיין ראַטה ? וועט איהר פאָלגען וואָס איך וועל אייך הייסען ?

ג אָ ל ץ : אלעס... אלעס וואָס איהר וועט הייסען...

ד אָ ק ט אָ ר : איהר זאָלט ניט עסען קיין פלייש, קיין מילך, קיינע אייער. דאָס איז די הויפּט זאַך וואָס מאַכען רייצען צום פאַרקעהר, קיינע געטראַנקען. דאָס איבעריגע וועל איך אייך קענען ראַטהען נאָך אַ פאַרזיכטיגער אונטערזוכונג.

ג אָ ל ץ : אַך, דאָקטאָר ווען איהר זאָלט וויסען מיינע ליידען דאָקטאָר, איז גאָר קיין מיטעל ניטאָ צו היילען דעם געוויסען ?

ד אָ ק ט אָ ר : ביז יעצט איז נאָך אזאַ מיטעל ניט ערפונ־דען געוואָרען, איבער צוויי אורזאַכען. דאָס ערשטע, צו ערפינדען אדער צו ענדעקען אזאַ מיטעל, מוז מען האָבען געוויסען, און דאָס צווייטע איז קיין געוויסען ניטאָ. ווען דער מענש מיין פריינד, וואָלט געוויסען געהאַט, וואָלט אזאַ וועלט ניט געווען... איהר רופט אייך געוויסען... און איך רוף עס שרעק, איינבילדונג, קרענק.

ג אָ ל ץ : דאָקטאָר, גלויבט איהר אז עס איז דאַ אַ רעטונג פאַר מיר ?

ד אָ ק ט אָ ר : דאָס וועל איך אייך קענען זאָגען, ווען איך וועל אייך אונטערזוכען. איך וועל אַנווענדען אלע מיטלען פון דער

וויסענשאפט, און דאן וועל איך אייך קענען אנטוואָרטען. נאָך דעם אויסקוק נאָך זעה איך אין אייך קיין געפאר ניט, כאָטש איך ווייס ניט וואס די אונטערזוכונג קען באווייזען...

ג אָ ל ץ : איך האָב ניט געהאט קיין גוטע ערציהונג, מיין פאָטער, א שלעכטער אפשר, אויך דורך דיזעלבע אורזאכען, מיין מוטער פארהאָוועט פאר דעם לעבענס קאמפף האט מיך געלאָזען אויף הפקר. און אזוי ווי איהר זעהט בין איך א הפקר יונג אויפגע־האָדעוועט, פון שטורם געשטויסען פון דונער געשלאָגען.

ד אָ ק ט אָ ר : איהר רעדט מיט חרטה, איהר זייט א שטי־קעל אויבער מענש...

ג אָ ל ץ : איך בין א שטויב פון דעם גרויסען בארג, וואָס לאָזט זיך אין א שטורם העכער זיך אויפצוהויבען. אום צו זעהן מעהר ארום זיך... און קיינמאָל איז מיר ניט אויסגעקומען צו זעהר די זון, א ריינע אָהן וואָלקענס...

ד י נ ס ט (ערשיינט): קען איך אייך געבען עסען?

ד אָ ק ט אָ ר : עסען? יע... גיט עסען (דינסט אָב) עסען, א מאָדנע זאַך... איהר מאַכט מיר אויך צו ערמאַנערען מיין פארגאנ־גענהייט... (דינסט ברייגנט אריין עסען).

ג אָ ל ץ : מיר ווילט זיך גאָר ניט עסען. (דינסט אָב).

ד אָ ק ט אָ ר : אבער היינט דארפט איהר אסך עסען דעם שטורם איבערצוטראָגען...

ג אָ ל ץ : יאָ, איך פיהל אז א שטורם דארף קומען. די וואָלקען זיינען איבער'ן קאָפּ.

ד אָ ק ט אָ ר : וואָס איז אייך טייער יעצט אין לעבען?

ג אָ ל ץ : אָה דאָקטאָר, איהר באהאלט וואָס, עפּעס פון מיר?... עפּעס, וואָס שרעקליכעס דארף קומען... איך פיהל עס... איך ערוואַרטע אונגעדולדיג, זאָל עס שוין קומען דאקטאר, זאָגט?...

ד אָ ק ט אָ ר : ווער איז אייך ליעבער אייער פרוי צו אייער קינד?

ג אָ ל ץ : דאָקטאָר!...

ד אָ ק ט אָ ר : זאָגט?

ג אָ ל ץ (הערשלאָגען): אָהן ביידען קען איך ניט לעבען.

ד א ק ט א ר : דאן הערט, זיינט געגרייט, אייער פרוי האט איך געדענקט, וועט שוין ניט לעבען מעהר נאר עס האט זיך אויף הונדערט פראצענט געביטען און זי וועט בלייבען לעבען, אבער אייער קינד...

ג א ל ץ : דאקטאר!...

(עס הערט זיך א גערויש אין שלאף צימער, די פארהאנגען ציהען זיך פאנאנדער, מאד. זילבער לויפט אריין).

מ א ד. ז י ל ב ע ר : דאקטאר דאס קינד.

ד א ק ט א ר (באקוקט דאס קינד) : דער קינד איז טויט.

פ א ר ה א נ ג.

צווי חברים

פ ע ר ז א נ ע ן:

פּאַמפּיין: קאַרטוניסט.

לודוויק: סטודענט אין שפּראַכען.

מ אַ ר ס ע ל: לאַיער פון דער פליה־פּאַסט.

לאַרא: פּאַמפּיין׳ס שוועסטער.

דאַנעטא: פּאַמפּיין׳ס געליעבטע.

(א צימער, א וואנט מיט ביכער, א קליין טישעל ביים וואנט, עט־ליכע שטולען, א בעטעל, עטליכע בילדער אויפ'ן וואנט. פאמפיין ליגט אויפ'ן בעטעל און לעזט א צייטונג. ביים טישעל זיצט לודוויק בלעטערט איין בוך נאכ'ן צווייטען).

לודוויק: צום שווארץ יאהר, איך וועל משוגע ווערען.

פאמפיין: לאז עס געהן זאג איך דיר, וועסט קיין ביאלאג סאי ווי סאי ניט ווערען. (זעצט זיך ביים ראנד בעט).

לודוויק: דו געה צום טייפעל.

פאמפיין: אויך דעם טייפעל גלוסט זיך ניט מיט מיר אנצופאנגען. זאג נאר האסטו אפשר א סיגארעטעל?

לודוויק: נו, אט האסטו דיר, אבי איך האב ביי דיר געוואלט בעטען.

פאמפיין: פון וואנען זאל איך האבען? איך האב שוין ניט געזעהן קיין פעני פון עטליכע טעג.

לודוויק: האסט זיך פארגעסען אז מארגען איז דער ערשטער?

פאמפיין: פארגעסען ניט פארגעסען, מיך ארט דאס זייער ווייניג.

לודוויק: וועסט זעהן מען וועט אונז ארויסווארפען פון דאנען. נאך איין קווארטער פארמאג איך. און, איך ווייס ניט וואס צו טאן?

פאמפיין: ווען איך האב א קווארטער, בין איך א קא־פיטאליסט. הערסט א קאפיטאליסט. הער זיך איין לודוויק וואס וועט זיין אז מען וועט דיך טאקע מאכען צו מופען?

לודוויק: און וואס איז דער מעהר מיט דיר? דו ביזט דא נאר נים דא?

פאמפיין: פאר מיר האסטו גאר נים וואס צו דאגה'נען אבער פאר דיר, נאר מעהר פאר דיינע ביכער?...

לודוויק: אה, מיינע ביכער, מיינע ביכער (צו די ביכער) מיין גאנץ לעבען ליגט אין אייך.

פאמפיין: מיין גאנץ לעבען. ווי דאס רעדט. דיין גאנץ אונגליק, אונגליק ליגט אין זיי. גולם, גיב אויף די ביכער.

לודוויק: דו מאכסט מיר משוגע, פון זינען טרייבסט מיך.

פאמפיין: איך טרייב דיר פון זינען? איך? זעה וואס די ביכער האבען געמאכט פון דיר, קראנק, האלב משוגע. און וואס? זאג ווי לאנג? מען פארשטעהט דיך סאי ווי נים. וואס ווילסטו?

לודוויק: דערפאר קעמפף איך ביז מען וועט מיך דאך פארשטעהן. ווייסט אז מען האט ביי מיר היינט גענומען מאנוס־קריפטען דורך צו קוקען, און טאקע אין א גרויסען פלאץ אויך.

פאמפיין (גיט איהם די האנט): דאן ווינש איך דיר גליק. עפעס א גרויסע ווערק?

לודוויק: די גרויס, דאס קען איך דיר זיכער נים זא־גען. נאר דער אינהאלט איז א טיפער, א טיף פסיכאלאגישע ווערק.

פאמפיין: און אז דיין ווערק זאל אנגענומען ווערען. כ'מיין ווען מען לאזט דיר וויסען אז דיין ווערק איז גוט, און דו קריגסט א פאר טויזענד דאלער.

לודוויק: אה, אה! רעד נים! רעד נים! איך וואלט אפשר משוגע געווארען פון פרייד.

פאמפיין: טאקע דערפאר וויל איך דיר זאגען, זיי גרייט, ניין מאל פאר יא, און איין מאל פאר נים.

לודוויק: אה, פאמפיין, (כאפט איהם ארום) גיסט מיר נאלזאם פאר מיין קראנקער נשמה מיט אזוינע רייד.

פאמפיין: העד זיך איין לודוויק, נאר זאג מיר דעם אמת. האסט עמיצען דיינע מאנוסקריפטען געגעבען א חוץ היינט?

לודוויק (קליינע פויזע): אבער ווארום פרעגסטו מיר?...

פ א מ פ י י ן : ווייל די לעצטע צייט פארבארגסטו זיך פון מיר! דו טוסט אפ זאכען און האלסט פון מיר פארבארגען.

ל ו ד ו ו י ק : ווייל דו לאכסט פון מיין יעדע זאך וואס איך שרייב, און פון יעדען געדאנק וואס איך זאג ארויס.

פ א מ פ י י ן : זאג מיר וואס האסטו אוועק געשיקט? האסטו פאר מיר עס פארגעלעזען?

ל ו ד ו ו י ק : פון וואס דו האסט אפגעלאכט די וועלט אי־בער טויזענד יאהר.

פ א מ פ י י ן : האסטו עס געשיקט ווי עס איז געווען?

ל ו ד ו ו י ק : איך האב וואס צוגעגעבען, און עפעס ארויס־גענומען.

פ א מ פ י י ן : ווילאנג אז דו האסט עס געשיקט.

ל ו ד ו ו י ק : דריי מאנאטען.

פ א מ פ י י ן : צו א גרויסען פערלעגעער?

ל ו ד ו ו י ק : צו דיין אנקעל!

פ א מ פ י י ן : זייער קלוג געטאן.

ל ו ד ו ו י ק : ניט איך בין א קלוגער, נאר דו ביזט דער קלוגער.

פ א מ פ י י ן : האסטו עפעס אסך אויסגעריסען, כ׳מיין אסך ארויסגענומען.

ל ו ד ו ו י ק : דריי קאפיטלעך האב איך געקירצט, ווייל דו האסט אויסגעזעצט געגען זיי.

פ א מ פ י י ן : און קיין ענטפער האסט נאך ניט באקומען?

ל ו ד ו ו י ק : איך האב דעם האפנונג אויף אן ענטפער אויפגעגעבען.

פ א מ פ י י ן : זאג ביזטו בייז אויף מיר, ווייל איך האלט פון דיר, ניט פון דיין גרויסקייט מיין איך.

ל ו ד ו ו י ק : באשטימט ווייס איך אליין ניט: בייז, ניט בייז, אויף דערוויילע טוט וועה... נאר דאך ביזטו מיין בעסטער פריינד.

פ א מ פ י י ן : און וואס הערט זיך וועגען דעם קוואדער. ווי דיינקסטו איהם איינצוטיילען?

לודוויק: ווי דיינקסטו? אפשר קויפען א גרויס ברויטעל.

פאמפיין: קויף סיגארעטלעך, אדער גאר א טאבעקע און מיר וועלען אליין מאכען.

לודוויק: וואס רעדסטו, און עסען? איך בין דאך טויט הונגעריג?

פאמפיין: פאר עסען ניט דעגה, דו קויף נאר סיגארעטלעך, דאס גאר וואס מיר דארפען. עסען וועט שוין אונז ניט פעהלען.

לודוויק: וואס מיינסטו, דערקלער מיר, איך פארשטעה דיך ניט?

פאמפיין: וואס איז דא צו פארשטעהן? מיר'ן געהן אין רעסטאראן און וועלען עסען.

לודוויק: און צו באצאהלען וואו וועלען מיר נעמען?

פאמפיין: פארלאז זיך אויף מיר. אט, האב איך שוין פון עטליכע וואכען קיין פעני געלט ניט, און עס גאנץ פיינע מאלציימען.

לודוויק: איך פארשטעה דיך ניט! וואס מיינסטו מיט דעם?

פאמפיין: אט אזוי איז דאס געשעהן. (שפאנט הין צוריק) דאס איז געווען מיט א וואך צוריק, עסען האב איך געוואלט דער טייפעל וויים ווי. איך האב געהאט פינף סענט אין מיין פאקעט. איך בין אריין אין א רעסטאראנט. דער ווייטער איז צו מיר צו. איך האב א בליק געטאן אין שפייז־קארטע. א סטייק האט מיר פארשמעקט, און פון מויל האט זיך ארויסגעקייקעלט ניט ווילענדיג — א סטייק!...

לודוויק: א סטייק? (באלעקט זיך) נו! נו!?

פאמפיין: איך האב געשלונגען ווי א חיה.

לודוויק: דאס וויים איך אז פרעסען קאנסטו. אבער ביים באצאלען וואס האסטו געטאן?

פאמפיין: האב איך אנגעפאנגען, האב איך שוין געהייסען דערלאנגען נאך און נאך, דער ווייטער האט מיר דערלאנגט א ביל, דער ביל איז געווען א דאלער זעבציג סענט. איך האב זיך

שנעל א הויב געטאן, דעם ניקעל האב איך א ווארף געטאן דעם ווייטער מיט א קלונג, און בין צו צום קעשיר קליימערשט גענומען טאפּען אין די קעשענעס. א זאג געטאן: מען האט מיך דא באַ־גנב'עט. דער מענעדזשער איז צו מיר צוגעגאנגען, האט מיך אפּ־גערופען ביים זייט, אסך געלד האט איהר געהאט?

לודוויק: א, א, טייפעל דו!

פּאמפּיין: איך מוז לויפען א קוק טאן, באשטימט ווייס איך ניט, דא ניט ווייט איז מיין סטאר. געהט, געהט, זאגט ער צו מיר, אפשר האט איהר געלאזען דאס געלד גאר אין סטאר. אינערליך, האב איך געטראכט אויסגעצייכענט. און אין פופצעהן מינוטען שפעטער בין איך שוין געלעגען דא אין בעטעל.

לודוויק: א ספּעציאליסט, זאג איך דיר, און יעצט?

פּאמפּיין: און יעצט עס איך דריי מאל א טאג דאס בעסטע געריכטען, און אמאל א סיגאר אויך, און עס קאסט מיר קיין פעני געלט ניט.

לודוויק: און וואו איז דיין כאראקטער? דאס איז דאך גאר שווינדעל. ווען דו זאגסט באטש, דו האסט קיין געלט ניט, וואלט מען דיר דאך אויך געגעבען אפּעסען.

פּאמפּיין: ניין דאס ניט! בעטלען וועל איך ניט. איי־דער בעטלען איז בעסער גנב'ען, רויבען, מיט געוואלד נעמען אבער ניט בעטלען. איך וועל דעם ביסען פון דיין מויל ארויס רייסען אבער ניט בעטלען ביי דיר.

לודוויק: ווען צום ביישפּיעל איך זאל האבען יעצט געלט, וואלסטו עס ביי מיר עקספּראפּרירט?

פּאמפּיין: ווען מיר וואלט געפעלט, און דו וואלסט געהאט וואלט איך געווים עס יעצט געטאן.

לודוויק: ווען האסט עס באקומען אזוינע געדאנקען, די טיאריע איז גראדע אן אלטע...

פּאמפּיין: צו גלויבען אין יושר? ווען יענער האט פון אלעם איבערפול, און דו געהסט ארום הונגעריג, ארעם, אפּגעריסען, און דו מוזט זיך פארקויפען, און פאר'ן שטיקעל ברויט זויגט מען אויס דיין געזונט, דיין נשמה, און אין דער זעלבער צייט לעבען מענשען א גוטען טאג, וואס טוען גארניט.

ל ו ד ו ו י ק : זעהסטו איך וואלט ניט געוואלט א לעבען פון גלייכע מענשען. נאך מיין מיינונג וואלט דער לעבען וועגני אינ־טערעס האבען. דער שטרעבען צו העכערעס וואלט פון מענעשען פארשוואונדען. וואס וואלט צום ביישפיעל מיך געצויגען ארויף צום בארג, וואס רופט זיך רויהם און גליק? זעה ווי שווער מיין וועג איז, פול מיט שטעכיגע דערנער, זעה ווי איך בלוטע, און איך נעה, און זוך מיין גליק צו דערגרייכען...

פ א מ פ י י ן : „אט דא ליגט דער הונט באגראבען". ווייל דו קוקסט שוין פון אויבען ארונטער אויף דיינע מיטמענשען. דיין געדאנק, און דיין בליק, איז נאר זעלבסט ליעבע, אויטאקראטי... דו ביזט ניט קיין פאלקס מענש. דו שטרעבסט ניט צו גלייכהייט, צו פרייהייט, דעם מענש.

ל ו ד ו ו י ק יעס, איך בין עגאאיסטיש : איך וויל אויך פילען דעם טעם פון'ם כבוד וואס א גדול האט. איך זוך צו ווערען א שפראכען קענער, טאג און נאכט לערען איך, די וועלט שפרא־כען און די וועלט ליטעראטור. זעה, ווי גראה און שוואך בין איך געווארען.

פ א מ פ י י ן : און דערפאר טאקע האלט איך פון דיר ניט. ווייל דיין לערנען, און שטודירען איז נאר די בעריהמקייט. דער נאמען זאל אין דער וועלט קלינגען.

ל ו ד ו ו י ק : וואס דען האסטו געוואלט?

פ א מ פ י י ן : א טאלאנט זאל קיין מאל ניט זוכען צו פארגעלטען זיין טאלאנט. דען די געלט רויבט אוועק זיינע גע־פיהלען. ער האט אין זינען דעם מארק, ניט זיין הארץ, זיין נשמה. (א קלאפ אין טיר) ווער זאל דאס זיין? (א קלאפ אין טיר) קאם אין. (לארא און מארסאל ערשיינען)

ל א ר א און מ א ר ס א ל : האלא, האלא. (גיבען זיך הי הענט).

ל א ר א (ווארפט פון זיך אראפ דעם מאנטעל) : ווי הייס ביי אייך איז.

פ א מ פ י י ן : אז ס'איז קאלט אין פאקעט, פיהלט מען ניט די היץ ביי זיך.

מ א ר ס ע ל : ביזט אליין שולדיג. קענסט לעבען ווי א פריץ ווען דו ווילסט...

פ א מ פ י י ן : האסט אפשר א ציגאר׳ל מארסאל?

מ א ר ס א ל : געוויס האב איך! (נעמט ארויס א באקס סי־גארען, גיט איינעם פאמפיינ׳ען און לודוויק׳ן. פאמפיין רוקט אריין די פינגער אין באקס נעהמט ארויס עטליכע סיגארען, טוט זיי א שמעק לייגט זיי אריין אין זיין אייבערשטען פאקעט).

ל א ר א : זיי ניט קיין חזיר.

פ א מ פ י י ן : א חזיר איז דער וואס האט אסך און האלט פאר זיך.

ל ו ד ו ו י ק : דאס איז זיין נייע אידעע. נעמען און ניט בעטען.

פ א מ פ י י ן (פארסמוקט א סיגאר, צו לאראן) : וואס שטעה־סטו. זעץ זיך צו אט. דא. (ווייזט אן אויפ׳ן בעט) און דו מארסאל מעגסט זיך אויף צוזעצען. ביזט ברוגעז אויף מיר?...

מ א ר ס א ל : קיין מאל ניט! נאדיר זיי אלע. (גיט איהם די באקסעל סיגארען).

פ א מ פ י י ן (נעמט די סיגארען) : נעמען איז מיין פרינציפ יעצט.

ל א ר א : ווי לאנג איז דאס דיין פרינציפ געווארען? האסטו נאך איבער די הענט ניט געקראגען?

פ א מ פ י י ן : דערווייל נאך ניט! האסט אפשר עטליכע סענט, מיין שוועסטער?

ל א ר א : איך ווייס? (קוקט אין איהר פאקעט־בוך) איך האב איין דאלער. נאדיר איהם (גיט איהם דעם דאלער).

פ א מ פ י י ן. א שוועסטער זאל לעבען. (נעמט דעם דאלער) לודוויק געה קויף איין צום עסען.

ל ו ד ו ו י ק (נעמט דעם דאלער) : וואס זאל איך קויפען?

פ א מ פ י י ן : קויף עפעס רעכטס ניט דיין טעה מיט ברויט. געה שוין גולם. וואס שטעהסטו? (לודוויק אב).

ל א ר א : ווארום באליידיגסטו איהם אימער?

מ א ר ס א ל : ווען ער לאזט זיך איז ער ניט מעהר ווערט ווי צו באליידיגט ווערען.

פ א מ פ י י ן : נו! יעצט זאגט מיר וואס איז אייער באזוך אין מיטען דערינען?

מ א ר ס א ל : איך האב היינט דערהאלטען א לעטער פון דער „פליה־פאסט“.

פ א מ פ י י ן : אודאי ווענען מיר?

מ א ר ס א ל : זיי שרייבען, זיי האבען ערהאלטען דיינם א צייכנונג, מיט אלעמער. דער צייכנונג, איז פאר זיי די גרעסטע באליידיגונג געווען.

פ א מ פ י י ן : דאס האב איך געוואלט!...

מ א ר ס א ל : ווען דו זאלסט וועלען זיין זייער קארטוניסט וועלען זיי מיט דיר מאכען א קאנטראקט פאר צוויי הונדערט דאלער א וואך.

פ א מ פ י י ן : איין מאל, פאר אלעמאל, ניט אויף דעם האב איך זיי געשריבען א לעטער.

מ א ר ס א ל : און דו האסט נאך א פארשלאג. זיי גיבען דיר פופציג דאלער א וואך דו זאלסט ניט מאכען קיין קארטונס געגען דער „פליה־פאסט“.

ל א ר א : דיינק זיך איבער פאמפיין. ווילסט ניט ארביי־טען פאר'ן אנקעל, דאס ארט מיך ניט. אבער וואס האסטו זיך אנגעזעצט אן איהם.

פ א מ פ י י ן : ווען איך האב זיך פאר איהם געבוקט, האט ער מיר אין פנים געשפיגען. מיין יעדען קארטון האט ער צו קליין געלט געמאכט. האט מיין נשמה אויסגעזויגען. האט פאר דער קלענסטער באלוינונג, פאר דעם קלענסטען פרייז האט ער מיינע קארטונס אויסגענארט. ער איז א פאראזיט. אבער יעצט האב איך איהם אין מיינע נענעל.

ל א ר א : און דו האסט נאך געזאגט, אז דו ליעבסט דאנקעט־קען?

פ א מ פ י י ן : לארא, דערמאן ניט קיין מלאך, ווען דו רעדסט פון א טייפעל.

מ א ר ס א ל : פאלגט מיך פאמפיין נעהם אן איין פארשלאג פון די צוויי. דו קענסט לעבען רייך, אין לוקסוס און זיין גליקליך.

זעה איז דאס גוט צו בעטען ביי איינעם א פאר סענט, צו האבען מיט וואס די נשמה צו דערהאלטען?

פ א מ פ י י ן: איז גוט אז דער צווייטער, זאל זיין דער בעל בית אויף דיין נשמה. אויף זיינע געפיהלען. א קינסטלער דארף זיין פריי. קיינמאל פאר קיין געלט זיך ניט פארקויפען. וואס איך האב געצייכענט איז איהם ניט געפעלען געווען, האב איך געמאכט אין א מלאך, זאגט ער מאך א טייפעל. ער האט מייער געפיהלען געטראטען מיט די פיס און געשענדעט...

ל א ר א: דערפאר וויל ער פאר זיין אונרעכט דיר באצאהלען.

פ א מ פ י י ן: איך בין ניט קיין פראסטעטוט. איך וויל מיין געפיהל ניט פארקויפען (לודוויק ערשיינט מיט פעקלאך פרוכט, ברויט און נאך עסענוואַרג) אט אזוי... גוט...

ל ו ד ו ו י ק: עסען האסטו ליעב אסך. און, ארבייטען גאר ווינציג...

פ א מ פ י י ן: און ווי איז בעסער? ארבייטען אסך און עסען ווינציג?

ל ו ד ו ו י ק (צושנייט דעם ברויט מאַכט סענדוויטשעס): אה, ברודער וועט דאס זיין א סאפער. אה, שוין לאנג אזא סאפער ניט געגעסען. (גיט פאמפיין'ען א סענוויטש) נא, ווילסט נאך איינעם?

פ א מ פ י י ן (עסט): האסט עפעס צו טרינקען אויך געבראכט?

ל ו ד ו ו י ק: וואסער איז דא אין סינק גענוג

פ א מ פ י י ן (צו לאראן): ווילסט א סענוויטש לארא?...

ל א ר א: איך האב ערשט סאפער געגעסען! א טרונק וואלט איך טאקע געוואלט!

ל ו ד ו ו י ק: צוליעב אייך, געה איך טאקע ארויף טראגען.

ל א ר א: ניט נויטיג. איך קען טרינקען סינק וואסער אויך.

ל ו ד ו ו י ק: נו, דאס קריגט איהר גלייך (דערלאַנגט איהר א גלאז וואסער).

ל א ר א: דיינקס. (נעמט די וואַסער, טרינקט).

פ א מ פ י י ן: ווי טאלעראנט דו ביזט דא, מיין שוועסטער...

ל ו ד ו ו י ק (צו לאראַן גײענדיג די גלאַז: ווילט איהר נאָך אַ גלאַז וואסער, (לארא שאַקעלט מיט'ן קאָפּ אויף ניין).

פּ אַ מ פּ י י ן : לודוויק ווייסט מען וויל מיר מאַכען פאר אַ נביר?

ל ו ד ו ו י ק : נו, און לאַזט זיך ניט?...

פּ אַ מ פּ י י ן : יא, און איך לאַז מיך ניט!

ל ו ד ו ו י ק : מסתמה דארפסטו ארבייטען!

ל אַ ר אַ : אפילו ווען ניט ארבייטען, ווען ער וויל.

ל ו ד ו ו י ק : דאַן פארשטעה איך ניט, וואָס פאר אַ נאר וויל איהם געלט געבען? און וואָס, פאר אַ נאר איז ער, פאר ניט וועלען נעמען.

ל אַ ר אַ : נו טאַקע, דאָס וויל איך אייך פרעגען. ווארום וויל ער נים?

פּ אַ מ פּ י י ן : נו, יעצט האָב איך אַפּגעגעסען. יעצט, מארסאל וויל איך זאלסט מיר געבען עטליכע דאָלער (ווייסט אויף די ביכער) מארגען איז דער ערשטער, און מען מאַכט זיי צו מופען.

מ אַ ר ס אַ ל : ווען דו ווילסט אַנעמען מיין פארשלאַג, האָב איך פאר דיר פינף הונדערט דאָלער.

ל ו ד ו ו י ק : גאָט מיינער! פּאַמפּיין? פינף הונדערט דאָלער!

ל אַ ר אַ : נאָמה וויל ער נעמען. מיט דעם מיינט ער וועט ער זאַט זיין?

פּ אַ מ פּ י י ן : דו ביזט אַ לאַיער, אָבער דו מאַכסט אַ טעות, דו מיינסט אַז איך בין אין אַזאַ לאַגע, וועל איך זיך אונטערגעבען? קושען די בייטש וואָס האָט מיך געשמיסען. ניין מארסאל, אומזיסט דיין מיה.

מ אַ ר ס אַ ל (נעמט ארויס אַ פּאַק מיט געלט): זעהסט אויב דו ווילסט מיר פאלגען, דאַן נעהם די געלט.

פ א מ פ י י ן: ווען די געלט וואלט געווען דיינע, וואלט איך זיי ביי דיר מיט געוואלד צוגענומען. נאר אזוי, ווי די געלט איז פון דעם אנקעל אפצוקויפען מיין נשמה, טא נעהם זיי צו, ווען ניט צוברעקעל איך זיי אין פיצלעך.

מ א ר ס א ל (כאפט צו די געלט): דאס ווערסטו ניט טאן!

ל א ר א: וואס האסטו זיך אריינגענומען אין קאפ? ניט אנדערש ביזט משוגע געווארען!

פ א מ פ י י ן: איך בין גאנץ קלאר, און איך ווייס וואס איך טו. זאל דאס איהם זיין א לעסאן, זאל ער איצט וויסען ווי צו באגעהן זיך מיט אנפאנגער מיט יונגע טאלאנטען.

מ א ר ס א ל: אבער געדיינק, ווערסט האבען טראבעל. געגען מיין ווילען, וועל איך מוזען געגען דיר אויפטרעטען. דארפסט וויסען, איך בין זייער לאיער: און האסט אורזאכע פאראורטיילט צו ווערען פאר לייבעל.

פ א מ פ י י ן: דאס איז ווירקליך דאס בעסטע פאר מיר. מיינע קארטונס, אין דעם וויצען בלאט וועלען זיין די שארפסטע וואס איז ווען געווען ביז יעצט.

מ א ר ס א ל: דאן געדיינק עס. איך פארלאז דיך יעצט. קום לארא, איך האב דיר געזאגט אז, אזוי וועט זיך ענדיגען אונזער באזוך מיט איהם.

פ א מ פ י י ן: קענסט געהן, דו ביזט פאר דיין פראפעסיע אן אויסגעצייכענטער. דיין פראפעסיע, איז א פארקויפען, די נשמה, דעם געוויסען. נעה מיר'ן זיך זעהן אין קארט.

מ א ר ס א ל: אלרייט! אלרייט! א ברערה וועט איך האבען (נעמט לארא׳ס מאנטעל אויפ׳ן האנט, ביידע אב).

פ א מ פ י י ן: האב איך זיי פיינט די לאיערס, דאס זיינען פארקויפטע נשמות. זיי וועלען דיך דערטרינקען אין א לעפעל וואסער פאר'ן דאלער. גאט וואס פאר א טייפעלשע פראפעסיע דאס איז. ערשט יעצט זעה איך ווי אונגליקליך מוזען זיין לאיערס, מיט מענשליכען געוויסען. געגען זיין ווילען מוז ער געהן. ווי שרעקליך דאס איז.

ל ו ה ו י ק: אבער איך ווייס קיין זאך ניט. דערקלער

מיר וואס קומט דא פאר? און ווארום האסטו די געלט ניט גע־וואלט נעמען?

פ א מ פ י י ן: די עטליכע קארטונס וואס איך האב אפגע־דרוקט אין דעם וויצען בלאט, האט מיין אגענט, זייער געטראפען. ווי איך האב ערפאהרען האט זיין פליה־פאסט טויזענדער לעזער פארלארען. נו, פארשטעהסטו מיך צי דאס איז די אורזאכע צי ניט? דיינקט ער אז מיינע קארטונס האבען דאס אנגעטאן.

ל ו ד ו ו י ק: און וואס האט מארסאל צו טאן מיט דיר!

פ א מ פ י י ן: ער איז דער לאיער פון דער „פליה־פאסט". הער זיך איין לודוויק, קלייב צוזאמען עטליכע ביכער פאר וועלכע מען קען באקומען עטליכע דאלער, מיר זאלען האבען צו בעצאה־לען פאר רענט. און איך וועל זיך נעמען צו דער ארבייט.

ל ו ד ו ו י ק: וואס רעדסטו?... די ביכער!... (ציטערט פון אויפרעגונג).

פ א מ פ י י ן: אז מען וועט מאכען צו מופען וועט זיין בעסער?

ל ו ד ו ו י ק: טו וואס דו ווילסט!

פ א מ פ י י ן (נעמט ארויס ביכער מאכט צוויי פעקלעך, לודוויק גראבט זיך איין אין בעטעל): באלד קום איך צוריק (אב).

ל ו ד ו ו י ק (הויבט זיך אויף, קוקט אויף די ביכער. פלאצט אויס אין א געוויין): יעדע לאד אין פאליצע איז א לאך אין מיין הארצען. (א קלאפ אין טיר. ער עפענט די טיר לארא ערשיינט).

ל א ר א: איז פאמפיין אוועק?

ל ו ד ו ו י ק: יע, פער־קוי־פען (פלאצט אוים אין א געוויין).

ל א ר א: וואס איז מיט אייך? וואס וויינט איהר? איז דא עפעס געשעהן? (דערשראקען) וואו איז פאמפיין? וואו איז ער אוועק?...

ל ו ד ו ו י ק (ווייזט אויף די ביכער): פארקויפען!

ל א ר א: פארקויפען די ביכער? (פויזע) אין וועלכע סטאר ווייסט איהר ניט? את, האב איך געלט געבראכט פאר איהם.

ל ו ד ו ו י ק: איהר האט געלט געבראכט? דאן קומט מיר'ן איהם נאך אניאגען. ער איז ערשט ארויס. (ביידע אב).

פ א מ פ י י ן (לויפט אריין שנעל): ס'איז דא געלט לוד־

וויק! וואו ביזטו ערגעץ? אודאי ארוים ערגעץ דער גולם. (נעמט פארגאנדער א פעקעל פאפירען וואס ער האט מיט זיך געבראכט). נו יעצט וועל איך איהם צייגען מיין אנקעל. א שפיז וועל איך פאר איהם איצט צייכענען... אויפ'ן פראנט פיידוש פון דעם וויצען בלאט מוז עס זיין... פאר'ן קלענסטען פרייז וועל איך עס פארקויפען. (זעצט זיך לעבען טישעל נעמט זיין צייכנונג געצייג מאכט צייכנונגען הויפט זיך אויף באטראכט עס פון וויטען) וואונדערבאר... אויסגעצייכענט... אד וועט דאס זיין (לארא און לודוויק ערשיינען).

ל ו ד ו ו י ק : פארקויפט הא?

פ א מ פ י י ן (ניט קוקענדיג אויף איהם): יע. ס'איז דא געלט.

ל ו ד ו ו י ק : מיר זיינען דיר דאך ארומגעגאנגען זוכען?

פ א מ פ י י ן : ווער? (דרייט זיך אום). לארא דו ביזט דא אויך? וואס איז ווידער?

ל א ר א : איך האב דיר געלט געבראכט. (גיט איהם די געלט) נאר צעהן דאלער. מעהר האב איך ניט געקענט קריגען.

ל ו ד ו ו י ק : וויפיעל, וויפיעל האסטו גענומען?

פ א מ פ י י ן : איך האב עס פארזעצט פאר זעקס דאלער.

ל ו ד ו ו י ק : פארפיינט האסטו גאר? (כאפט איהם ארום קושען).

פ א מ פ י י ן : (שטופט איהם אפ) : וואס איז די פרייד מיט דיר גולם?

ל א ר א : ער האט דאך באוויינט שוין די ביכער. (דערזעהט דעם קארטון) וואס איז דאס? ווידער אויפ'ן אנקעל?...

פ א מ פ י י ן : דאס איז ערשט אז אנפאנג. דער וויצען-בלאט וועט זיך באלעקען פון דעם קארטון.

ל א ר א : איך בעט דיך (וויינט) איך געה, טו וואס דו ווילסט! (ביים טיר שטויסט זי זיך אן אן דאנעטא'ן).

ל א ר א : דאנעטא, דו ביזט אויך דא?

פ א מ פ י י ן (שפרינגט אויף) : דאנעטא? (געהט צו איהר צו, זי שטעהט ווי געליימט טרערען צייגען זיך איהר אין די אויגען). דאנעטא וואס איז מיר דיר וואס שווייגסטו?

ד א נ ע ט א : איך קום צו דיר ארימער אבער מעכטיגער

הערשער! נײן! וואָס זאָג איך אָרימער, דו רײכער פון די רײכ־סטע... איך קום בײ דיר בעטען רחמים ניט אומצוברײנגען מײן פאָטער. דער שמאַלצער צײטונג מאַגנאַט בויגט זיך פאַר דיר. ער איז ווילינג דאָס גרעסטע פרײז דיר צו צאָהלען. ער איז ווילינג דיר געבען אַ טײל פון זײן ביזנעס. נאָר זאָג וואָס דו ווילסט.

פ אַ מ פ ײ ן: וואָס איך וויל? ווײסטו דען ניט וואָס איך וויל? יעצט וויל איך שוין מעהר גאָרניט! מײן פרײז האָב איך דאָ, דו ביזט מײן פרײז... איך האָב געוואָלט באַריהמט ווערען. אָבער ניט רײך ווערען. און דײן פאָטער האָט מיך ניט געלאָזען. האָט דיך צוגענומען פון מיר. און...

ד אַ נ ע ט אַ: האָסט געליטען, איך ווײס! ווײל איך האָב אויך שטאַרק געליטען. דאָס קען קײן וואָרט ניט איבערגעבען. אָבער יעצט.

פ אַ מ פ ײ ן: צוליעב דיר האָב איך אַלעס געענדערט. זעהסט? (ווײזט איהר אויפ'ן קאַרטון) דאָס וואָלט געווען נאָר אַ שפּיז וואָס וואָלט דײן פאָטער געטראָפען אין ברוסט אַרײן. אָבער יעצט (צורײסט עס).

ל ו ד ו ו י ק: איך דאַנק דיר גאָט!

פ אַ מ פ ײ ן: דאָס איז מײן בעסטער פרײנד וואָס האָט האָט געהאָלפען טראָגען מײן שווערע לאַסט אויף זיך. דאָס וואָלט נערט זיך אַ פילאָזאָף, אַ פילאָלאָג דורך אַזוינע ווי דײן פאָטער. אָבער יעצט וועט זיך...

ד אַ נ ע ט אַ (גיט די האַנט לודוויקען): איך דאַנק אײך מײן נײ־באַקאַנטער פרײנד פון מײן גרויסען ריטער.

ל אַ ר אַ: גאָט, ווי גליקליך איך בין! די גאַנצע וועלט איז מיר יעצט ליעב.

ד אַ נ ע ט אַ: גליקליכער בין איך פון דער גאַנצער וועלט... איך בין די הערשערין פון דעם שמאַלצען ריטער (נעמט אַרום פאַמ־פײנען קושט איהם) מײן שמאַלצער ריטער.

פ אַ ר ה אַ נ ג.